











נטרונא

True Torah Jews

# נטורונא און אירע אקטיוויטעטן










# שְׁלוּחֵי דְרַחֲמָנָא וּשְׁלוּחֵי דִידָן

א ליכטיגער בליק איבער די קריטיש וויכטיגע אקטיוויטעטן
פון כלל ישראל'ס ארגאניזאציע

# נטרונא

באזירט ע"פ משנתו והוראותיו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע
ובהתייעצות גדולי תלמידיו הרבנים הגאונים שליט"א

...ומבואר בזה שבגלות הזה שהוא מלכות רביעית
אין מי שיפרע מהם להביא הגאולה אלא זכות הנטרונא

(לשון מרן רביה"ק בויואל משה מאמר של"ש סי' מ"ג ועיי"ש באורך)

# נטרונא

## דער אפאראט קעגן ציונות


*True Torah Jews*

*183 Wilson Street, suite 162*

*Brooklyn NY 11211*

*Tel: 718-841-7053 • Fax: 718-504-4513*



Book Design & Printing By:

**C&G TYPOGRAPHIC INC.**

23 Heyward St. • Tel: 718-935-1945

# שִׁשָּׁה מִי יוֹדֵעַ...

- וואס האט רבינו הקוה"ט זי"ע געזאגט אויף די ארגאניזאציע "נטרונא"?
- וואס איז איינס פון די גרעסטע מצוות און חיוב עצום ?
- וואס קען מען טאן היינט מיט די ווערד פון צען טויזענט דאלער אין תשט"ו?
- ווער האט געגרינדעט דעם "איחוד עולמי למען חיזוק הדת"?
- וואס איז געווען די "איחוד הקהלות החרדיות"? עקזעסטירט עס נאך?
- ווער האט פארגעשריבן דעם עד אין טיימס?

## לייענט מיט אינטערעסע!

# שלוחותי' דקמאי קא עבדינן

יא! עס שיינט אינטערסאנט! אבער די הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא" איז נישט געשאפן געווארן היינט, עס איז יסודתו בהררי קודש פונעם אבוהון ורבהון של ישראל מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע וואס האט בעיניו הבדולחים געשטעלט די הייליגע יסודות און געטוען כל טצדקי שבעולם איר מייסד צו זיין.

## צאי לך בעקבי הצאן

טייערער ברודער אחים יקרים לדיעה, זייער פינסטערע צייטן שטייען מיר אצינד, אין א דור וואס דער חושך איז בעוה"ר געווארן כפול ומכופל בעיקבתא דמשיחא, אין לנו מנהל ולא מחזיק בידינו, מיר האבן נישט ווער עס זאל אונז אנווייזן איזה דרך ישכון אור, אבער די תורה הקדושה איז א נצחית, עס בלייבט אבער די הארבע פראגע, מיר האבן דאך נישט ווי זיך צו קערן און ווענדן, - ווי רביה"ק זי"ע פלעגט זיך אויסדרוקן בלש"ק מיט געוואלדיגע בכיות ואש קודש - דער געטרייער פאסטוך און רועה נאמן האט אבער געגעבן אנווייזונגען און אונז אנגעזאגט א מהלך.

## וואס איז די עצה?

צאי לך בעקבי הצאן ורעי את גדיותיך על משכנות הרועים, ווי רביה"ק פלעגט דאס חזר'ן אומצאליגע מאל די הייליגע ווערטער פון רש"י הסתכלי בפסיעות דרך שהלכו הצאן והעקביים נכרים, אין יעדן ענין, ביי וועלכע פעולה אדער שריט מען וויל טוען, ברויך מען פריער אפיר נעמען די הייליגע ספרים, אנפרעגן ביי אידן פון פריערדיגן דור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, עלטערע אידן, זקני הדור, תלמידי חכמים וואס האבן זוכה געווען מקבל צו זיין פון א דור בעפאר, און הערן וואס האט מען געטון אין אזא פאל, און אין אט די הייליגע פיסטריט קען מען נאכגיין, נאר דאן איז מען פארזיכערט אז מען גייט אין דעם הייליגן דרך הישר המקובל בדרכי אבותינו ורבותינו הק' ומיני' לא נזוע.

## זכור ימות עולם

אלזא טייערע אידן, איידער מיר לאזן זיך אריין, איבער די השתלשלות, וואונדערליכע דערגרייכונגען, און פעולות



נשגבות, וועלכע ווערן אוועקגעשטעלט דורך די נאבעלע און הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא" ברויכן מיר מקיים זיין, דעם זכור ימות עולם, שאל אביך ויגדך, לאמיר אפירזיכן בספר מלחמות ד' אין די הייליגע היסטאריע פון די מלחמת אש דת השערה וואס דער קדוש ד' עמוד אש שלהבת ואורה מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע האט געפירט בראש מערכות ישראל אנטקעגן די פינסטערע קליפה הציונית דאס מלכות המינות וועלכע האט פאראומגליקליכט דעם כלל ישראל מיום הווסדה ועד היום זה, יעדער ריר און יעדן דיבור פון מרן רביה"ק זי"ע איז דאך א תורה שלימה פאר אונז לנו ולבנינו עד עולם לעשות ככל דברי התורה הזאת, דערפון קענען מיר ציען פאראלעל, און אראפלערנען די מסקנות לדעת את המעשה אשר יעשון.

לאמיר אויפמישן איינע פון די גאר רייכע און העכסט אינטערסאנטע קאפיטלען אין יענע פייערדיגע היסטאריע אין די דברי הימים פון די מלחמת אש קודש וואס איז געפירט געווארן דורך מרן רבינו הקדוש והטהור זיעוכי"א.



## הציב וירה אבן פינתה

**רביה"ק זי"ע לייגט דעם גרונדשטיין פאר נטרונא!**

**וואס?** איר וואונדערט זיך אוודאי, וואס דא גייט פאר, פון וועלכע נטרונא רעדן מיר דא, אונזער הייליגע ארגאניזאציע שטייט קוים זיבן יאר כולן שוין לטובה?

**אבער יא!** איר האט גאר גוט געליינט, און איר קענט נאכאמאל איבערליינען און ווירקליך דאס נעמען אין באטראכט, **רביה"ק זי"ע האט בשעתו געלייגט דעם יסוד און געשטערעבט מיט גרויסע כוחות ודמים תרתי משמע אויפצושטעלן אזא סארט ארגאניזאציע וואס זאל זיך אפגעבן מיט די פעולות נשגבות.**

לאמיר עטוואס איבערגיין דאס השתלשות הענינים וגלגולי סיבות פון אט די שווערע יארן פונעם התייסדות המדינה הציונית ווען רביה"ק זי"ע איז געווען דער שר צבא ישראל דער הייליגער גענעראל במלחמה לד' בעמלק.

## מדינה של גיהנום

א פינסטער יאר פארן כלל ישראל, פאר די גאנצע בריאת שמים וארץ, פאר אלע עולמות עליונים ותחתונים, איז געווען דאס יאר שנת שח"ת, דערנאך וואס אידן זענען שוין אדורכגעגאנגען די שרעקליכע חבלי משיח ווען מען האט מקריב געווען אויף די עקידה זעקס מיליאן אידן הי"ד, האבן די אלע שרידי חרב פליטי המלחמה געוואוסט און געשפירט אויף זיכער אז אט קרובה ישועתינו לבוא, האט אבער די סטרא אחרא גובר געווען אין יענעם שנת פקידה, שטנא נצח! די טמא'נע אפיקורסים האבן באוויזן אויסצופירן זייערע פינסטערע פלענער מען האט ליידער עובר געווען

אויף די שבועות וואס דער בוכ"ע האט אונז באשוואוירן, מען האט מורד געווען אינעם גזירת הגלות, מורד געווען באומות אויפן שרעקליכסטן פארנעם, און אריינגעשטעלט דעם כלל ישראל אין א סכנה נוראה אין וועלכע מיר געפינען זיך עד היום הזה, און די ציוניסטישע מדינה של גיהנום איז בעוה"ר געווארן א טרויעריגער פאקט וואס איז מעכב ישועתן של ישראל.

> **רביה"ק זי"ע לייגט דעם גרונדשטיין פאר נטרונא...!**
> **יא! איר האט גאר גוט געליינט...!**
> **ער האט בשעתו געלייגט דעם יסוד... אויפצושטעלן אזא סארט ארגאניזאציע...**

## הביטו אל אברהם אביכם

אין די בחי' פון "אחד הי' אברהם" איז רבינו הק' זי"ע געווען נאך דעם גרויסן חורבן פון כלל ישראל דער יחיד בדורו וואס האט אויסגעשריגן דעם מי לד' אלי, ער האט ממשיך געווען מיט די הייליגע מלחמה וואס אלע צדיקי אמת קדושי עליון פון בעפאר די קריג האבן אויסגערופן אנטקעגן דעם רעיון הציוני. דער רבי איז דאן געווען אין אמעריקא אין די בראשית יארן ווען ער האט קוים געהאט א מנין אידן מיט זיך וואס זאלן וועלן מיטהאלטן מיט זיין הייליגע שיטה, אזוי ווי אברהם אבינו בדורו וואס איז ארומגעגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן פון איין מענטש צום צווייטן אויסרופן די אמונה אין השי"ת, אזוי האט רבינו הק' דעמאלט אין יענע תקופה זיך אראפגעלאזט צו יעדן בחור'ל באזונדער, עס זענען דאן געווען די צובראכענע איבערגעבליבענע רעשטלעך שרידי חרב אודים מוצלים מאש, דער רבי האט מיט יעדן איד, מיט יעדן אינגערמאן, בחור, זיך אפגעשטעלט און אויסגעשמועסט מיט אים עניני אמונה, דער רבי האט יעדן מסביר געווען דעם ביטערן חורבן וואס די ציוניסטישע מדינה של גיהנום ברענגט מיט זיך, און איינגעפלאנצט אמונת אומן בתוך לבבות בני ישראל.

הגה"צ דער פאיער רב שליט"א דערציילט אז אין פרייטאג צו נאכטס (פ' וארא תש"ז) ווען דער רבי האט געפירט טיש אין זיין אכסני' אויף ראדני סטריט וואו עס האבן זיך געפונען א קליינער ציבור, אויבנאן נעבן רבי'ן איז געזעצן א גאסט פון א"י, א ירושלימער איד, אינמיטן טיש האט זיך דער רבי בי' אים אינטערסירט אויפן מצב אין ארץ ישראל, (דעמאלט איז געווען גרויסע מלחמות וואס די ציוניסטישע אצ"ל גרופע האט אנגעפירט מיט געפערליכע מלחמה און מרידה באומות קעגן די ענגלענדער מיטן ציל צו עררייכן די מדינה) דער איד האט נישט געוויסט צו וועמען ער רעדט, האט ער זיך אויסגעדריקט מיט א הנאה איבער די געלונגענע טעראריסטישע אקציעס פון די אצל'ניקעס ימ"ש קעגן די ענגלענדער ביי וועלכע זיי דערלאנגען זיי גוטע קלעפ, ער האט זיך אויסגעדריקט, מ'באקומט טאקע צוריק קלעפ, אבער דאס איז זיסע קלעפ, דער רבי, וועלכער איז ביז דאן געזעסן רואיג ביים טיש האט פלוצים הערנדיג די דאזיגע ווערטער אויפגעריסן מיט אן אויסערגעווענליכן שטורעם, אורייתא קא מרתחת בי'.

פלוצים האט זיך דער רבי גענומען שרייען מיט קולי קולות:

**די ווערטער זענען מינות וכפירה! מ'טאר נישט האבן קיין הנאה פון די מעשים פון מינים ואפיקורסים**

וועלכע זענען אין כלל פון מורידין ולא מעלין. די התגרות באומות פון די ציונסיטישע טעראריסטן איז א מרידה אין דעם אויבערשטן, עם ברענגט די גרעסטע סכנה פאר אידן.

דער רבי האט זיך נישט געקענט בארואיגן און בקול חוצב להבות אש געטריפט מיט בלוט זאגנדיג:

אייערע ווערטער זענען דברי מינות און איך וויל נישט הערן קיין דברי מינות ביי מיין טיש. איך וויל נישט זיצן ביי איין טיש מיט אידן וועלכע רעדן דברי מינות וכפירה. איר קענט שוין ארויסגיין מפרסם זיין אין די גאס אז עס איז נאך דא איין "משוגענער" אויף די וועלט וועלכער שרייט נאך אז די מעשים פון די ציונים זענען מינות. איך ווער נישט נתפעל וואס די גאנצע וועלט וועט זאגן און אויב די גאנצע וועלט וועט לאכן פון מיר. ווען איך האב געוואוינט אין א"י האב איך דאס אויך געשריגן, כאטש איך בין געווען איינער אליין וואס האט עס געשריגן אין דער עפענטליכקייט. איך האב נישט מורא פון




קיינעם, און עס אינטערסירט מיך נישט וואס די גאנצע וועלט זאגט, ווען עס איז קעגן די אמונה און קעגן דעת תורה הק'.

דער גאנצער עולם וואס איז געווען ביים טיש איז אויפגעטרייסעלט געווארן פון די אויסטערלישע קולות פון די דברים חוצבים מלהבות אש, פון רבי'ן. זיי האבן געזען ווי דעם רבינ'ס פנים האט געפלאמט און ער האט זיך נישט

**... פלעגט זיך דער רבי מיט יעדן יונגל אראפזעצן און מסביר זיין געמיטליך ווי א דרדקי מלמד דעם עומק הענין. דער אומגליק פון די מדינה, אזוי ווי אברהם אבינו בשעתו, האט ער אין יעדן קינד באזונדער איינגעווארצלט די יסודות האמונה און פארענטפערט אלע קשיות...**

געקענט בארואיגן וואס ער האט געהערט אזעלכע דברים דוקרים כבמדקרות חרב, וועלכע האבן אים געשטאכן ווי מיט שפיזן, אז עס איז געווען קענטיג אז עס שאדט אים ממש צום געזונט.

אזעלכע און ענליכע וויכוחים האט דער רבי געהאט טאג טעגליך מיט אנשי שם, מיט רבנים, תלמידי חכמים, חסידישע אידן, און פשוטע אידן, דאס האט דעם רבי'ן

אויסגערגעוועגליך געקרענקט עד דכדוכה של נפש, און ער האט צוליב דעם פארגאסן טייכן טרערן, נישט קענענדיג פארנעמען צו הערן ווערטער וואס זענען פוגע אין די אמונה, דער רבי האט פרובירט פאר יעדן מסביר צו זיין דעם גרויסן אומגליק און סכנה וואס דאס ברענגט אויפן כלל ישראל.

## להזהיר גדולים על הקטנים

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יוסף לייב כהנא ע"ה אז דאן אין די ערשטע יארן איז אפטמאל אויסגעקומען אז אזוי ווי עס איז געווען אפי' היימישע מענטשן וועלכע האבן אויף נישט פארשטאנען דעם חומר הענינים, האבן צוליב פחד פון די פילע בזיונות און דראאונגען פון די ציוניסטישע וועלט געוואלט אז דער רבי זאל שוין אויפהערן צו רעדן פון די ענינים, זיי האבן זיך אבער נישט געוואגט צו זאגן פארן רבי'ן א ווארט, פלעגן זיי שיקן זייערע אינגע קינדער, 12-13 יעריגע בחורים'לעך, זיי זאלן פרעגן דעם רבי'ן, צוליב וואס דער רבי דארף פירן א מלחמה איבער א"י? עס קען דאך קומען צו א סכנה, זיי האבן געוואלט משפיע זיין אז דער רבי זאל אויפהערן מרעיש עולמות צו זיין.

דערווייל פלעגט זיך דער רבי מיט יעדן יונגעל אראפזעצן און מסביר זיין געמיטליך ווי א דרדקי מלמד דעם עומק הענין. דער אומגליק פון די מדינה, אזוי ווי אברהם אבינו בשעתו, האט ער אין יעדן קינד באזונדער איינגעווארצלט די יסודות האמונה און פארענטפערט אלע קשיות און מסביר געווען אז דאס איז פון די יסודי האמונה און מ'דארף קעמפן מיט מסירות נפש, נישט אויפגעבן דעם קאמף אויסצושרייען די אמונה, נאר פארקערט, ער האט זיך אלץ מער געשטארקט מיט מסירות נפש אויסצושרייען די אמונה אמיתית בה' ובתורתו הק'.

## שטנא נצח

פינסטער איז געווארן פארן כלל ישראל ווען מען האט בעוה"ר באשטעטיגט דעם עקזיסטענץ פון דעם מלכות המינות.

עס איז געווען יענעם מוצש"ק פ' וישלח תש"ח ווען עס איז געקומען די נייעס איבער די ביטערע בשורה און מען האט דאס איבערדערציילט פארן רבי'ן פארן בענטשן ביי שלש סעודות, גלייך ווי דער רבי האט געהערט די נייעס פון די יו-ען אפשטימונג, האט דער רבי זיך אנגעהויבן נישט גוט צו שפירן און ער האט געהייסן דעם עולם בענטשן, און ער האט אויסגעזעהן ווייס ווי קאלך, ווי איינער וואס מתו מטל לפניו רח"ל זיין עגמנ"פ האט אים אויך זאאפארט שטארק געשאדט פיזיש, דער צער און עגמ"נ וואס ער האט דערלעבט דעם ביטערן טאג וואס ער האט פאר דעם אזוי געציטערט און אזוי שטארק געהאפט אז עס וועט נישט צושטאנדקומען, אבער מעשי שטן הצליח, דער שטן האט געוואונען ה"י, דאס האט דער רבי נישט אויסגעהאלטן.



ביים רבי'ן איז געווען א דבר ברור אז דאס וועט נישט קענען אנהאלטן צו לאנג, עס איז אינטערסאנט צו ציטירן פון א בריוו וואס כ"ק הגה"צ גאב"ד מאנטאווידעא זצ"ל וואס ער שרייבט אין יענעם יאר בשנת תש"ט פאר ידיד נעוריו הגה"צ מהרי"ם דושינסקיא זצ"ל גאב"ד ירושלים ווי ער איז מתאר דעם שרעקליכן מצב מיטן גרינדונג פון די מדינה שרייבט ער בתוה"ד:

**...אדמו"ר מסאטמאר שליט"א מרעיש עולמות כי אי אפשר שיהי' קיום לדבר כזה, ואף בר כוזיבא מלך כשנתים ומחצה, והי"ת ברחמיו יגאלינו גאולת עולם...**

## מי לד' אלי

פון יענעם טאג האט רבינו הק' זי"ע אויסגערופן די מלחמה לה' בעמלק קעגן דעם שלטון הכופרים, זעענדיג דערין דעם גרעסטן קלאפ און בראך פארן כלל ישראל, ווי רביה"ק זי"ע האט געזאגט יום הקדוש ביי די נאכט מיט די




ספר תורה אין די האנט אז ביי אים איז ברור כשמש אז ווען נישט דעם שלטון הכופרים וואלטן מיר שוין לאנג געהאלטן נאך די גאולה, ווי א פארוואונדעטער לייב האט ער געהויבן דעם קול ד' בכח, **ווי ער האט געקענט, ווען ער האט געקענט, נישט אויסגעלאזט איין געלעגנהייט, מדי שבת בשבתו, יעדע וואך ביי די פייערדיגע שלש סעודות תורה'ס ובפרט אין די ימי השובבי"ם, אין די הייליגע טעג, כל נדרי אויפדערנאכט, אין דעם הייליגן טאג הושענא רבא, יעדע מסיבה, ביי יעדן דינער להחזקת המוסדות, עס איז נישט אויסגעלאזט געווארן קיין געלעגנהייט וואס מען האט נישט מרעיש עולמות געווען מיט די הייליגע פייערדיגע דיבורים** וואס איז געזאגט געווארן ביקד יקוד אש להבת שלהבת, עס האט נוקב ויורד געווען חדרי בטן, געלערנט און גע'חזר'ט און זיך געבעטן בתחנונים אז מען זאל חס ושלו' נישט נתפס ווערן אין מינות ואפיקורסות ה"י, וואס א איד וואס האט איין רגע א מחשבה אז פון אט דעם מלכות המינות איז דא עפעס א טובה פאר אידן איז ער ל"ע געפאנגען אין מחשבת מינות רח"ל, דער רבי איז ארויסגעקומען אין די וויסטע טמא'נע אמעריקא און זיך געשטעלט כגבור ואיש מלחמה און ערקלערט קריג אנטקעגן דעם ממשלת הכופרים, די ממשלת השמד והכפירה, אנגעצינדן א קליין שוועבעלע פון וועלכע עס האט זיך צושפרייט א העליש פייער עד שנעשה כל הגולה כמדורת אש במלחמה לד' בעמלק מדור דור עד רדתה.

## על שלשה דברים העולם עומד

ווען מען קוקט זיך גוט איין און מען איז זיך מתבונן בספר מלחמות ד' פון מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א, די מלחמת הקודש קעגן די טומאת הציונות וכל פרטיה, די מלכות המינות, די כפירה בגזירת הגלות והגאולה, די מרידה און התגרות באומות, וכל המסתעף מהם, זעהט מען דערין פארשידענע

פרטים ופרטי פרטים, אבער אין דעם יסוד הדבר איז דא דריי יסודות'דיגע ענינים וואס זענען מקיף רוב רובו פון די הייליגע מערכות אויף וואס דער צדיק אמת האט זיך מקריב געווען דערפאר, וואס טאקע אויף אט די דריי כלליות'דיגע זאכן איז אוועקגעשטעלט געווארן די לעבן'ס וויכטיגע ארגעניזאציע "נטרונא".

אין דעם יסוד הדבר איז דא דריי יסודות'דיגע ענינים וואס זענען מקיף רוב רובו פון די הייליגע מערכות אויף וואס דער צדיק אמת האט זיך מקריב געווען דערפאר, וואס טאקע אויף אט די דריי כלליות'דיגע זאכן איז אוועקגעשטעלט געווארן די לעבן'ס וויכטיגע ארגעניזאציע "נטרונא"...

## להציל נפש אחת מישראל

דער עיקר העיקרים און יסוד היסודות אויף וועלכע רביה"ק זי"ע האט זיך מוסר נפש געווען ממש איז געווען מציל צו זיין אידן מען זאל נישט אריינפאלן אין אפיקורסות רח"ל, דאס איז געשטאנען בראש וראשון אין די עבודה הקשה שבמקדש צו ארויס ראטעווען אידן שומרי תורה ומצוות פון הרהורי כפירה ומינות, די ביטערע כפירה געדאנקען אין דעם גזירת הגלות און די הבטחת הגאולה, דער ציוניסטישער געדאנק אז אידן קענען זיך אליינ'ס באפרייען אדער פארלייכטערן פונעם עול הגלות, דער רעיון הטמא אז ס'קען זיין עטוואס א אתחלתא דגאולה פאר ביאת המשיח, די סימפאטיע און מיטגעפיל צו די ציונים די כופרים בה' ובתורתו, די געפילן פון קורת רוח מיט די הצלחה פון די ממשלת הכפירה ועוד. די אלע טמא'נע רעיונות זענען בעוה"ר נתפשט געווארן ביי דעם גרעסערן רוב אידן שומרי תורה ומצוות בימים ההם - און ליידער אויך בזמן הזה - אויף די אלע ענינים האט געבלוטיגט דאס הייליג הארץ פון מרן רבינו הק', און ס'איז אים געגאנגען עד עומק דכדוכו של נפש, צו קענען זיין א מציל נפש אחת מישראל, דעם גאנצן ספר הקדוש ויואל משה אויף וועלכע ער האט מקדיש געווען אזויפיל טויזנטער שעה'ן במסינ"פ ודמים תרתי משמע האט ער געטאן נאר מיט איין תכלית ווייל אפשר וועט אמאל קומען א זמן וואס איין איד וועט ווערן אויפגעקלערט דערפון, און פאר "איין אידיש קינד" וואס זאל ניצול ווערן פון מחשבת מינות איז אים דאס אלעס כדי געווען, ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט איז אין יענע יארן בעפאר דער ספה"ק ויואל משה איז ארויסגעקומען פלעגט דער רעיא



מהימנא קדישא זיך אראפלאזן צו יעדן איד פון נאנט און ווייט, היימישע און פרעמדע, קליין און גרויס, און זיינע הייליגע שעה'ן אוועקגעגעבן אויפצוקלערן א איד איבער דעם אסון הנורא וואס די מדינה הציונית האט געברענגט אויפן כלל ישראל, און דערביי אוועקרייסן נאך א איד וואס זאל נישט האבן קיין חלק אין די שרעקליכע איסורים און הארבע עונשים וואס שטייען אויף די עבירות החמורות, וואס דער רבי האט געהאלטן אז דער קטרוג איז גרויס נאר צוליב דעם וואס אידן שומרי תורה ומצות זענען שותפים דערין.

## ביטול גזירות רעות

וויבאלד די ציונים ימ"ש האבן ערקלערט קריג רח"ל אויף השי"ת און די תורה הק', און מיום הווסדם ועד עתה האבן זיי געהאט איין ציל און תכלית אויסצורייסן די תורה הקדושה, צו דערשטיקן דעם כח הקדושה, און אויס'שמד'ן דעם כלל ישראל רח"ל, אנגעהויבן מיט די העברה על



השבועות און נאכאנאנדע מרידה באומות באופן מבהיל איז דאס נאכגעפאלגט געווארן מיט די גרעסטע פינסטערע שמדיות און גזירות נוראות אויף די לעצט פארבליבענע רעשטלעך פונעם ערליכן אידענטום אין ארה"ק, זיי האבן געוואלט אויסעסן, פייניגן און פארניכטן ח"ו דעם שארית הפליטה בארה"ק האבן זיי דערפאר אנגעשטעלט זייער גאנצן שמד מאשין און כפירה אפאראט אדורכצופירן גזירות קשות ומרות אויפן כלל ישראל, אנגעהויבן מיטן חוק חינוך חובה, אויפצושטעלן בתי שמד ווי זיי האבן אוועקגעריסן מחיק השכינה רח"ל לחיק הכפירה מיליאנען אידישע קינדערלעך רח"ל די ילדי תימן, ילדי מאראקא, בוכארא, וכו' וכו', די ביטערע גזירות פון גיוס בנות, מועדון, די בריכה, ניתוחי מתים, חיטוטי שכבי, און אנזערע גזירות קשות ומרות וואס דערמיט האבן זיי געוואלט אויסרייסן דעם לעצטן זיק פון תורה הק' און אמונה, דער געטרייער רועה נאמן און שומר הגחלת האט געבלוטיגט און געשריגן (ווי ער איז מבאר באריכות בספרו הק' ויואל משה סי' קי"ג - קי"ד) אז די איינציגסטער רעטונג'ס ברעטל און פונק פון הצלה לייגט אין די הענט פונעם יהדות הגולה וואס זענען בכח מרעיש עולמות צו זיין און זיך שרייען און בעטן ביי די אומות העולם קעגן די ביטערע גזירות, פון דעם שעמען זיך די ציונים, און דאס איז דער איינציגסטער געווער און כלי מלחמה וואס איז בייגעשטאנען און אפגעהאלטן פילע ביטערע גזירות פונעם ממשלת המינות.

## דער גרעסטער כבוד שמים

ביי די אסיפת התאחדות הרבנים שנת תשי"ח האט דער רבי שטארק מרעיש עולמות געווען איבער דעם ענין פון די דעמאנסטראציעס און דעם חיוב מפרסם צו זיין בין האומות אז די ציונים פארטערטן נישט דעם כלל ישראל, נאר דאס

## • העתק מלש"ק של רבינו הק' זי"ע בכינוס הכללי שנת תשי"ח •

...דאס איז דעם גאנצע, זיי האבן מורא פארן גוי אז דער גוי וועט משפיע זיין אויפן יוד, אין דעם איז נישטא קיין מקום להסתפק, דעם איז איינס דעם איינציגע מיטל זאלן נישט חלילה אונטערברעננגען ח"ו איננאנצן דעם דת, וואס אמאהל ווייטער, זיי וועלן נאך צושפארן די בתי מדרשים נישט לאזן די ת"ת, זיי האבן אביסל מורא, טאמער אז זיי וועלן זיך געוויינען און זיי וועלן זעהן [שאין להם מה להתיירא] פארכטן פאר דרויסן גארנישט, דעמאלץ זאל דער אייבירשטער שומר ומציל זיין, וועט אויסקומען חלילה אז ס'זאל נישט בלייבן קיין יודישער יוד אין ארץ ישראל, (דעם) איינציגע מיטל איז דאס, און דא ליידער בעוה"ר קומט מען און מ'וויל דאס שטערן, איינער זאגט ס'איז א חילול ה' און איינער זאגט ס'איז א סכנה אז מ'קומט זיך נאר צונעזאמען דאס איז דאך דעם גאנצע, דעם איינציגע מיטל איז דעם ...., **ס'איז דער גרעסטער כבוד שמים אז מ'זאל געוואר ווערן אז ס'איז דא יודען וואס זיי נעמען זיך נאך אהן פאר דער תורה.**

מימות עולם האבן זיי געשריגן אז צדיקים ברענגען [יודען אין א] סכנה, און דורכדעם איז דא אנטיסעמיטן, ווער ס'האט א מח בקדקדו דער זעהט שוין היינט ווער ס'האט געמאכט די סכנה פארן כלל ישראל... ווען מ'פאלגט גיווען די ערליכע יודען און ווען מ'העט זיך גיווען געהאלטן ביי דעם העט מען נישט גיווען געקומען צו די אלע צרות, דאס איז בלי שום ספק, אזוי איז דאס אייביג, זיי שרייען סכנה, ווער סכנה... אזוי ווי כ'האב פריער געזאגט די אומות העולם וועלן זיך נישט גיין שלאגן פארן דת... איז נישטא קיין שום סכנה, **א סכנה איז נאר דא פון זיי, וואס זיי שטייען און מ'רייצט אויף און מ'טוהט, נאך דעמאלץ ווען ס'איז נאך ניטאמאל געווען קיין מדינה זענען געגאנגען ... איבערהויפט היינט איז מען יעדע רגע אין א סכנה דורך זיי...** זיי מוזן אויספירן ל"ע אונטערברענגען דעם דת, דאס איז די איינציגסטע זאך, דאס איז נישט קיין סכנה?, נאר אז מ'שטעלט זיך מ'איז לוחם אקעגן דעם דער מאכט א סכנה?

איז דאס איינס פונעם גרעסטן חוב (לעמוד וללחום כנגדם ע"פ חוצות), אויסערדעם איז נישטא עפעס אנדערשט ... דעם איינציגע מיטל איז מ'זאל גיין צום גוי, און מ'זעהט ס'טוהט זיי ווי', נישט פאר גארנישט, כאטשיג זיי ווייסן גאנץ גוט אז די אמעריקאנער רעגירונג וועט זיך נישט גיין שלאגן פארן דת, נאר ווייל די גוים .. ס'פאסט זיי נישט, זיי ווילן מ'זאל זאגן ביי די גוים ער איז א יוד .. דאס איז דער גאנצער חשבון זייערע, איז דאס דעם איינציגע מיטל, **אויסער אלעמען העט עס געווען א געוואלדיגע זאך אז די אומות העולם זאלן וויסן אז זיי פארטרעטן נישט דעם כלל ישראל, יודען שומרי התורה זענען אנדערשט...**

קען האבן אן השפעה און ראטעוועו דעם שארית הפליטה בארצה"ק ובארצות הגולה.

זעה בייגעלייגט א העתק פון געציילטע אויסצוגן וואס דער רבי' האט דאן גזאגט בלש"ק.

דערפאר האט רביה"ק זי"ע אויסגענוצט די אלע געלעגנהייטן ווען מען איז ארויסגעגאנגען בחוצות וברחובות מקיים צו זיין דעם "צאו והפגינו" האט מען אויסגענוצט די זעלטענע געלעגנהייט און פארלייגט אלע כוחות אז עס זאל נתפרסם ווערן בין האומות אויפן שטערקסטן פארנעם

## • העתק מלש"ק של רבינו הק' זי"ע בכינוס הכללי שנת תשי"ח •

...מ'זאגט אז מ'גייט צום גוי (בעבור הצלת ישראל הוי חילול ה'), לאמיר גיין כסדר, וואס האט מען געטוהן אין אונגארן ווען מ'האט געגרינדעט די ארטאדאקסי, זענען געגאנגען די גדולי ישראל צום גויאישן מלך און מ'האט געוויינט פאר עהם "זיי אונז מציל פון זיי", .. זיי ווילן אונטערברענגען דעם דת, מ'איז געגאנגען צום גוי, קיינער האט נישט גע'חלומ'ט ס'איז א חילול ה' אז איך גיי זאגן פארן גוי אז דער האלט נישט קיין תורה, האט קיינער נישט געזאגט ס'איז א חילול ה' און ס'איז א סכנה, לא היו דברים מעולם.

ווען מ'האט געגרינדעט די עדה (החרדית), און דעמאלץ איז דאך טאקע די אגודה געווען באטייליגט, יעדערער, ווען מ'האט געמאכט די יוצאים און מ'האט זיך געטיילט, איז מען געגאנגען צום ענגלענדער און מ'האט גענומען אדוואקאטן און מ'האט זיך געבעטן "זיי אונז מציל פון זיי", .. קיינעם האט נישט גע'חלומ'ט אז איך גיי זאגן פארן גוי איז עס א חילול ה' צי ס'קאן שאטן, קיינער האט דאס נישט גע'חלומ'ט.

לאמיר גיין ווייטער, ר' יוחנן בן זכאי (גיטין דנ"ו ע"ב), די בריונים... ער האט געשריגן אז מ'זאל שלום מאכן, און זיי האבן געוואלט לוחם זיין ,.. און מיטן דרך הטבע זענען זיי גאר גירעכט געווען, די בריונים זענען נישט געווען קיין פושעים... קיין אנדערע עבירות, זענען געווען שומרי התורה והמצות, זיי האבן געזעהן אז מ'דארף זיך שלאגן, און מיטן דרך הטבע זענען זיי גירעכט געווען.

נאר די חכמים האבן געזעהן, שטייט דאך אין די גמרא אין נזיר (ל"ב ע"ב) אז זיי האבן געוויסט אז דעם ביהמ"ק וועט חרוב ווערן, ווייל זיי האבן נישט געפאלגט די חכמים זענען זיי געווען בריונים, **און ר' יוחנן בן זכאי האט זיך געלאזט פירן מיט דער געוואלד צו דעם גוי און ער האט געזאגט דיא בריונים לאזן אונז נישט קיין שלום מאכן מיט די מלוכה. ער האט זיי איינגע'מסר'ט, דאס האט געטוהן ר' יוחנן בן זכאי......**

וואס איז נאר שייך אז מיר תורה טרייע אידן האבן נישט קיין שייכות מיט דעם מלכות המינות און אירע אומווערדיגע טאטן מיט איר מרידה באומות און בעיטה בגזירת הגלות, און אירע נידערטרעכטיגע אכזריות און רדיפת הדת קעגן אחב"י דרי ארץ הקודש.



## חילול שמו יתברך לעיני כל הגוים

והחוט המשולש לא במהרה ינתק, דער שטארקער עיקר און גרויסער יסוד וואס רביה"ק זי"ע האט געהאט פאר די אויגן אז אויסער דעם פראבלעם פון די אלע גזירות קומט צו דער שרעקליכער ווייטאג פונעם אומבאשרייבליכען חילול ד' וואס ווערט געמאכט לעיני השמש מיטן טרעטן אויף די תורה הק' און איר פארשוועכן אונטערן נאמען און אין שליחות



## • העתק מלש"ק של רבינו הק' זי"ע בכינוס הכללי שנת תשכ"א •

**"...לא תעמוד על דם רעך! און מ'שווייגט! מ'זאל גוט קוקן הארעווען זיי אין אמעריקע אויך אנצוארבעטן "אנטיסעמיטיזעם" אזוי ווי זיי האבן געהארעוועט אין אייראפע. מ'דארף גרויס רחמים אז זיי זאלן עס נישט חלילה דערגרייכן, ווארן מיט עזות און מלשינות קען מען חלילה אלעם דורכזעצן, מ'זאל גוט קוקן וועט מען זעהן, איך וויל נישט שמועסן קיין סאך פאליטיק...**

**תוכן הדברים איז, דאס געפאר פונעם כלל ישראל איז ווייל מ'זאגט אז די וואס זענען נישט קיין שומרי תורה און די וואס זענען כופרים די זענען די מנהיגי ישראל. די אומות ווערן פארפירט דורך זיי און באקומען דעם שנאת ישראל, איינס פון די גרעסטע מצוות העט געווען, מיטן גרעסטן מסירת נפש "מ'זאל קאנען מודיע זיין פאר די אומות אז זיי זענען נישט די פארטרעטערס פון כלל ישראל, יודען שומרי תורה האבן מיט זיי קיין שייכות" מסירת נפש פאר דעם צו האבן העט מען געדארפט...!**

פון כלל ישראל, פון א "אידישע מדינה", דער שרעקליכער התגרות באומות וואס ווערט פראוואצירט אנטקעגן ממלכות אדירות וואס חוץ דעם שרעקליכן איסור און העברה על השבועות איז דאך א געוואלדיגע סכנה מרחפת אויפן כלל ישראל וואס ווערט אנגעברענגט דורך זיי, און דערפאר האט רביה"ק געזעהן פאר א געוואלדיגן חיוב עצום אז מען זאל מפרסם זיין בין האומות אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל, זיי רעדן נישט אין אונזער נאמען, דערמיט טוט מען דערגרייכן דריי צילן בהעלם אחת:

א) אוועקצונעמען און פארמינערן דעם גרויסן חילול שם שמים וואס איז מפורסם אין די גאנצע וועלט אז די וואס רופן זיך בשם ישראל זענען עוקר די תורה הקדושה.

ב) אראפצונעמען דעם שרעקליכן חרון אף וואס רועט אויפן כלל ישראל מחטאת החטאים האלה בנפשותם און ערפילן אונזער פליכט כלפי שמיא זיך אנצונעמען פארן כבוד שמו יתברך, פארן עלבון התורה הקדושה און צער השכינה הק'.

**ג) אפראטעווען אז אידישע קינדער זאלן נישט גענומען ווערן אין פאראנטווארטליכקייט פאר די מרידה באומות פון די ציונים.**

## לא תעמוד על דם רעיך

אט דער דריטער פאקטאר האט געשפילט ביים רבי'ן גאר א שטארקע ראלע אין די הייליגע מערכה, האלטנדיג אז דאס גרעניצט זיך אויך פשוט מיט סכנת נפשות, און אלץ דאס התחייבות פון לא תעמוד על דם רעך ברויך מען אויסשרייען אז זיי זענען נישט אונזערע פארטרעטער.

ביים גרויסן "כינוס הכללי" אסרו חג שבועות תשכ"א לפ"ק, וועלכע איז פארגעקומען אינעם סט. דשזארדזש האטעל, האט ער ערקלערט מיט פייערדיגע דיבורים דעם הייליגן פליכט מודיע זיין פאר די אומות העולם אז די ציונים האבן נישט קיין שייכות מיטן כלל ישראל, און זיי פארטרעטן נישט דעם וועלט אידנטום. דער רבי האט דאן באטאנט א גרויסן יסוד, אז די ציונים זייען אן א שרעקליכע אנטיסעמיטיזים איבער די וועלט, און עס איז דעריבער א פליכט זיך צו קענען באשיצן פון זיי.

זעה בייגעלייגט א העתק פון א חלק פון די הייליגע פייערדיגע דיבורים.

## גרינדן א ארגאניזאציע

אין יענע יארן איז געווען דער היימישער ציבור גאר קליין, זייער וויניג אידן שומתו"מ זענען גרייט געווען זיך ארויסצושטעלן און מיטהאלטן מיט אט די הייליגע מערכות, עס איז געווען אויסטערליש שווער, רביה"ק זי"ע האט ברוב חכמתו נישט געוואלט אז דאס זאל געפירט ווערן דייקא ווי א סאטמארער אונטערנעמונג, נאר דאס אוועקשטעלן אלס אומאפהעניקער אומפארטייאישער תורה'דיגער כח וואס זאל שטעלן דעם ווידערשטאנד קעגן דעם מלכות המינות, דער רבי האט געזעהן א קריטישער צורך פארן קיום פון די מלחמה לד' בעמלק אז עס זאל זיך גרינדן אן ארגאניזאציע וואס זאל האבן איר איינציגן ציל אפצושלאגן און אפענטפערן דעם מלכות המינות און אויפקלערן דעם מאסן אידענטום איבער איר שרעקליכע סכנה און גלייכצייטיג שטיין על המשמר און טוען די ריכטיגע שריט כלפי די אומות העולם בכל עת מצוא.

## שנת תשט"ו במערכות ישראל

מיט בלוטיגע טינט איז פארשריבן בספר מלחמות ד' דאס יאר שנת תשט"ו, עס איז דאן געווען איינע פון די שווערסטע יארן זינט כלל ישראל האט געליטן דעם גרויסן בראך מיטן התייסדות פון די מדינה של גיהנום, ווען עס זענען אנגעגאנגען בלוטיגע מערכות עד שפוך דם ממש ועד בכלל. (אין יענעם יאר איז פארגעקומען די באקאנטע "רצח



סעגאלאוו", ווען די ציוני'סטישע רוצחים האבן אומגעברענגט על קידוש ד' החסיד הקדוש ר' פנחס סעגאלאוו ז"ל ה' ינקום דמו.) עס האט געקאכט א ברענענדיג פייער וואס האט איבערגעקערט די גאנצע וועלט, עס האט ליידער דאן דערגרייכט א מצב ווען דער עיר אלקים איז געווארן מושפלת עד שאול תחתי' ווען די פינסטערע רשעי ארץ שהתייצבו על ד' ועל משיחו האבן פארלייגט אלע כוחות אויסצורייסן דאס לעצטן ביסל פון אידישקייט, זיי האבן געוואלט עוקר זיין מן השורש דעם שארית הפליטה הי' לא תהי', אריינברענגען דעם ככל הגוים בית ישראל רח"ל, יעדן טאג מיט אנדערע די מערכה איז אנגעגאנגען צוליב דעם וואס עס האט געדארפט דאן אויפגעבויעט ווערן אן א.ג. "מועדון", א פלאץ פון זמה ותועבה רח"ל, אין הארץ פון ירושלים עיר הקודש.

רביה"ק זי"ע איז געווען אויפגעקאכט באקומענדיג טאג טעגליך די ידיעות איבערן שווער מצב אין ארץ הקודש, מען האט ארלאמירט כסדר איבער די מערכות כבידות און ברוטאלע אכזריות מיט וועלכע די ציוניסטישע משטרה האט זיך באנוצט לדכא תחת רגלם די בני ציון היקרים.



**זונטאג פ' יתרו** - איז פארגעקומען א היסטארישע מעכטיגע מאסן דעמאנסטראציע אין "מאנהעטן צענטער", וואו א ריזן ציבור פון אלע שיכטן און קרייזן אין שפיץ פון אלע ערליכע רבנים וגדולי הדור ומלכם בראשם מרן רביה"ק זי"ע זענען זיך צונויף געקומען אויסשרייען דעם וויי געשריי אקעגן די ביטערע גזירות והעברה על הדת פונעם ממשלת הכופרים, און דערביי ערקלערן דעם תורה'דיגן שטעלונג אז אידישע קינדער האבן נישט קיין שייכות מיטן מלכות המינות.

יענע מערכה איז נישט בלויז געווען בלויז א פראטעסט בשעתו. דאַן איז באמת געלייגט געווארן דער ערשטער קערנדל פון די ארגאניזאציע "נטרונא," וועלכע ארבעט היינט צוטאג אומערמידליך אנצוהאלטן דעם הייליגן פייער.

## דער ערשטער יסוד פון די ארגאניזאציע

ווי דערמאנט האט דער רבי כסדר געזארגט, געטראכט, און פלאנירט, פארשידענע אופנים און תחבולות וויאזוי מען זאל קענען אנגיין און שטעלן די מלחמה קעגן ציונית אין אלע אירע פארמען.

נאך יענעם פראטעסט האט דער רבי מחליט געווען בדעת קדשו אז עס זאל זיך גרינדן א ארגאניזאציע וואס זאל צוזאמגעשטעלט ווערן אלס פאראיין פון ערליכע "בעלי בתים יראים ושלמים" וואס זאל טראגן א שטארקן געוויכט קעגן ציונית, אט די ארגאניזאציע זאל קענען קעמפפען מיט אלע ציוניסטשע אראניזאציעס.

דער יסוד פון דעם געדאנק איז געווען אז עס זאל זיך שאפן א פאראייניגטער כח פון ערליכע אידן וואס זאלן מפרסם זיין איבער די וועלט פאר אלע אידן די שרעקליכע סכנה פון ציונות, מען זאל אויפדעקן זייערע נידערטרעכטיגע

מעשים, און די פאלשע פארפירערישע טעאריעס, שקרים וכזבים מיט וועלכע די "פרומע ציוניסטן" פיטערן די וועלט אז די מדינה איז א גליק פארן כלל ישראל, זיי פרעדיגן די מצוה פון ישוב ארץ ישראל, זיי שטעלן זיך אונטערן שלייער פון חובבי ציון, אט דאס זאל ווערן אפגענטפערט איבער דער גארער וועלט פאר יעדן איד וואס וויל נאר הערן און געדענקען אז שקר ענה בפיהם, עס איז דער גרעסטער בראך פארן כלל ישראל, און די אמת'ע ערליכע אידן זענען די וואס גלוסטן און האבן ליב ירושלים עיר הקודש משוש כל הארץ, די ריכטיגע חובבי ציון זענען די וואס בעטן יעדן טאג מיט הייסטע תפלות מען זאל שוין זוכה זיין ולירושלים עירך ברחמים תשוב, אבער מיר ווילן נישט און מיר טארן דאס נישט נעמען אליין מיר שטיין און ווארטן בכליון עינים בעת שיעלה רצון מעת הבורא יתברך שמו ווען ער וועט אונז שיקן משיח צדקינו, אידישע קינדער ווילן נישט קיין שייכות האבן מיט אט וואס האבן ווידערגעשפעניגט אינעם בוכ"ע און זיך אראפגעווארפן זיין יאך וואס ער האט ארויפגעלייגט אויף אונז דעם גזירת הגלות.

**זונטאג פ' תרומה תשט"ו** – איז דאס ענדליך צושטאנד געקומען, מען האט דעמאלט פאררופן א אסיפה אינעם ווינער בית הכנסת (וועלכע איז ערשט דעמאלס אפגעקויפט געווארן) אויף ליע עוו. קאר. ראבלינג סט. אין וויליאמסבורג. צו די אסיפה זענען זיך צוזאמגעקומען פילע חשוב'ע און ערליכע עסקנים, פארשטייער פון פיל קהלות און בתי מדרשים, וועלכע זענען פאררופן געווארן דורך דעם רועה נאמן מרן רבינו הקדוש זי"ע, וועלכער האט געשטרעבט דערמיט צו גרינדען א חבורה פון בעלי בתים חשובים מיט די אמאליגע מסורה, וועלכע זאל דינען ווי א "באַזע" וואס זאל שטיין אין שטענדיגן קאנטקאט און עפענען אן ארגאניזירטע מערכה אנטקעגן דעם שלטון הכופרים אין די אידישע און אין להבדיל די גויאישע גאס, און דערביי אפשלאגן די פילע ציוניסטישע דעות וועלכע האבן דאן באהערשט דעם אידישען וועלט.

נאך א לאנגן דין ודברים, איז באַשלאָסן געווארן מייסד צו זיין אן ארטאדאקסישער פאראיין. מערערע הצעות זענען אויפגעברענגט געווארן אויפן טיש, ווי אזוי דאס זאל למעשה צושטאנד קומען. צום סוף האט מען זיך פאראייניגט צו גרינדען אן **"איחוד עולמי למען חיזוק הדת"** (אדער שפעטער טרעפן מיר דאס אונטערן נאמען **"איחוד של הקהילות החרדיות"**) וואס זאל שטיין על משמר הדת, און זאל זיין גרייט זיך צו שלאגן קעגן דעם שרעקליכן עקירת הדת וואָס האט דעמאלס געהערשט אין ארץ ישראל.

אויפן פלאץ איז ערוועלט געווארן א וועד מסדר צו זיין דעם פאראיין, עס האט געהערשט א געוואלדיגן התלהבות אין די רייען פון די עסקנים צו טוען פעולות למען כבוד שמו יתברך ותורתו הקדושה, און עס זענען ארויסגעשיקט געווארן בריוו צו אלע ארטאדאקסישע קהלות זיי זאלן זיך אנשליסן אין דעם פראיעקט.



עס איז דאן פאר דעם צוועק ארויסגעדינגען געווארן אן אפיס פאר די ארגאניזאציע, אויף 246 פיפטע עוועניו אין מאנהעטן וועלכע זאל אנפירן מיט די פראיעקטן. א באזונדערע אפיס איז אויך געווארן געגרינדעט אין וויליאמסבורג אויף 134 בראדוועי, מען האט צוגעשטעלט מעמבער שיפ קארטלעך פאר יעדן איד וואס וויל מקיים זיין דעם חבר אנו לכל אשר יראוך.

כדי צו קענען אנהאלטן דעם פאראיין איז ארויפגעלייגט געווארן אויף יעדן א שטייער פון יערליכע אדער חודש'ליכע מעמבער שיפ, צו ערמעגליכן דעם עקזיסטענץ און פארשטארקן דעם כח פון דעם פאראיין אויף אלע פראנטן.


ב"ה
איחוד עולמי למען חיזוק הדת
246 פינפטע עוועניו, ניו-יארק
134 בראדוויי, ברוקלין, נ. י.

מיטגלידס-קארטע

דערמיט ווערט באשטעטיגט, אז
נאמען
אדרעסס 226 E. 43 St N.Y.
איז א מיטגליד אין דער וועלט ארגאניזאציע
איחוד עולמי למען חיזוק הדת
יום

א קאפיע פונעם מעמבער-שיפ קארטל

## מי בראש

אויפן אפיציעלן דרוק סארט פונעם פאראיין וועלכע זענען נאך פארבליבן, פיגורירן גאָר חשובע רבנים הגאונים זכר צדיקים לברכה און פראמינענעטע עסקנים וואס האבן זיך דאן אנגעשלאסן אין די ארגאניזאציע, צווישן זיי די חשוב'ע רבנים הגאונים הצדיקים:

הגאון האדיר רבי דוד יונגרייז זצ"ל ראב"ד ירושלים, הגה"צ ריסקעווער רב זצ"ל, הגה"צ וואוידיסלאווער רב זצ"ל, הגה"צ שאפראנער רב זצ"ל, הגאון הרב סאוויצקי פון באסטאן זצ"ל, הרה"ג ר' גרשון ליעבמאן זצ"ל פון פאריז, שטראסבורגער רב זצ"ל (שפעטער אין ירושלים), און די חשוב'ע אנשי שם הרב ברוך קאפלאן ז"ל, הרב אברהם ראטה ז"ל פון ירושלים, החסיד הנגיד ר' געצל בערגער ז"ל פון לאנדאן, מוה"ר יודא לייב ווייס ז"ל (פון ירושלים שפעטער אין קרית יואל), מוה"ר יעקב שלמה שטיינפעלד ז"ל פון די ווינער קהלה, מוה"ר חים ראטה ז"ל פון ברוקלין, להבחל"ח הרה"ג ר' ישראל יצחק דאמב שליט"א פון לאנדאן, הרב יוסף שיינבערגער ז"ל פון ירושלים, מוה"ר שמעון ווייס ז"ל (דאן אין אוראגוויי שפעטער אין קרית יואל), און נאך פילע אנשים חשובים פון דער גארער וועלט.

## מי לד' אלינו

**ב' ניסן תשט"ו** – איז ארויסגערופן געווארן אין דעם ארטאדאקסישן ארגאן פון "דער איד" דער ערשטער עפענטליכער מעלדונג פון דעם פאראיין, ווי מען האט ארויסגעגעבן א הייסן רוף צו פאראייניגן אלע תורה טריייע אידן פון דער גארער וועלט אין איין גרויסער וועלט קערפערשאפט, עס זאל ווערן א וועלט ארגאניזאציע וועלכע זאל קאנצעטרירן ארום זיך די הונדערטער טויזענטער אידן שומרי תורה ומצות וואס זאלן זייך אנגעשלאסן אין דעם הייליגן קאמף, עס ווערט געמאלדן אז אין די ארגאניזאציע האבן זיך שוין אנגעשאלסן 37 שוהלען און ארגאניזאציעס פון פארשידענע טיילן אין גרעיטער ניו יארק און דערמיט איז געלייגט געווארן דער יסוד פאר די ארגאניזאציע.

## שכחום וחזרו ויסדום

אזוי ווי ביי יעדן דבר טוב, איז אויך די ארגאניזאציע עטוואס נתרשל געווארן, און עס איז דעריבער גאר שווער אנגעקומען פאר די איינקאסירער איינצומאנען דעם מעמבער שיפ, און נאך פארשידענע עיכובים, וואס האט גורם געווען אז עס זאל כמעט בטל ווערן דער גאנצער פאראיין.

דער מנהיג ישראל וועלכער האט מיט גאנצן לייב און לעבן געקעמפט אויסצושרייען דעם דבר ד' האט אבער נישט פארגעסן דערפון. הגם עס איז שוין פארלאפן צוויי יאר זינט די אסיפה, האט רבינו הק' זי"ע מיט זיינע הייליגע אויגן געזעהן און געשפירט דעם אומגעהויערן צורך און קריטישע וויכטיקייט פון אזא ארגאניזאציע, און האט מחליט געווען בדעת קדשו דאס ווידעראמאל מחזק צו זיין.

## די צווייטע אסיפה

**מאנטאג פ' חקת שנת תשי"ז** – האט מרן רבינו הק' זי"ע פאררופן אן א אסיפה בביתו נאוה קודש, עס האבן זיך דארט בא שוין טייליגט אן ערך פון דרייסיג אנשים חשובים, קרואי מועד, ראשי הקהלות פון די אולטרא ארטאדאקסישע קרייזן אין ניו יארק.

לויט ווי הרה"ח ספרא רבא ואיש האשכולות ר' סענדר דייטש ז"ל גיט איבער אין זיין ספר "בוצינא קדישא", ברענגן מיר פאר אייך א טיילווייזע רשימה פון די קהלה פארטרעטער וועלכע האבן אנטייל גענומען ביי יענע וויכטיגע אסיפה למען חיזוק הדת, יעדער פון די באטייליגטע איז געקומען פארטרעטן איינע פון די חרדישע קהלות אין ניו יארק, ווי פאלגענד:

מו"ה ישראל זופניק, מו"ה ליפא פריעדמאן, סאטמאר. הרב פייבל הלברשטאם (הה"צ מקשאנוב זצ"ל), צאנז. הרב חיים דוב גרינפעלד (משב"ק אצל הגה"ק ממונקאטש זצוק"ל), מונקאטש. מו"ה יעקב יצחק צימענט, סיגעט. מו"ה יהושע שווארץ שו"ב, סיגעט. מו"ה שבתי מרדכי בערקאוויטש (שפעטער מנהל אין התאחדות הרבנים), סאטמאר. מו"ה יעקב שלמה

**• העתק מלש"ק של רבינו הק' זי"ע אצל אסיפת ב' חקת תשי"ז •**

**דעריבער מוז ווערן געגרינדעט אזא סארט גרופע אדער ארגאניזאציע פון יראים, וועלכע זאלן שטיין על משמר הדת, סיי דאהי און סיי אין ארץ ישראל, זיך מחזק צו זיין, און מוחה זיין, און נישט איינרוען, נאר אויפרודערן די וועלט.**

**אן א פאראייניגטע ארגאניזאציע אקעצפטירט מען נישט אונזער מיינונג אין די וועלט, ממילא אז מען וועט האבן אן ערנסטע קערפערשאפט קען מען פיל אויפטאן, ובפרט אז עס האבן זיך שוין געוואנדן מערערע מענטשן פון דער גארער וועלט צו שאפן אזא גרופע...**

שטיינפעלד, וויען. מו"ה אברהם ווערצבערגער, סאטמאר. מו"ה יהוסף שווארץ, סאלקא. הרב יעקב אונגאר (א זון פונעם פריערדיגען נייטרא'ער רב הגה"ק רבי שמואל דוד אונגאר זצוק"ל), סטראפקאוו. מו"ה שמעון וואלדמאן, קראסנא. מו"ה משה האפפמאן, פאפא. מו"ה נפתלי צבי לאנדא, סאלקא. מו"ה גדלי' שווארץ, שאפראן. מו"ה מענדל ראטה, פאפא. מו"ה ישראל מייזנער, פאפא. מו"ה אברהם שווימער, שאפראן. מו"ה יוסף הירש, קראסנא. מו"ה סענדר דייטש, סאטמאר. און נאך חשובע עסקנים.

## דברים חוצבים להבות אש

דער רבי זצ"ל איז דאן אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דיבורים, (געדרוקט במילואו אין ספר בוצינא קדישא ח"ב דף רס"ז וואס עס האט אפגעשריבן בשעתו הרה"ח איש אשכולות ר' סענדער דייטש ז"ל ראה"ק) ווען צו ערשט האט דער רבי מקדים געווען איבער די שוועריקייטן פון די טריפה'נע אמעריקע, ווי שווער עס איז און די גרויסע סייעתא דשמיא וואס מען ברויך האבן צו קענען דא איינצופירן אידישקייט אויפן אור-אלטן תורה'דיגן וועג, און וויפיל חיזוק און אנטשלאסנקייט עס פארלאנגט זיך אויף יעדן פראנט, וואס דאס ווערט ליידער נישט עררייכט דורך די פילע "ארגאניזאציעס", וואס דערפאר פארלאנגט זיך אן ערנסטע אקטיווע וועד עסקנים פון היימישן קרייז, וועלכער האלטן טאקע ביים טוען למעשה.

דערנאך האט דער רבי ארויסגעברענגט מיט ווייטאג:

**דער מצב אין ארץ הקודש איז שרעקליך און ביטער, וואסערע סכנה עס שוועבט דארט ברוחניות און בגשמיות, ווי די פושעים זוכן צו אונטערדרוקן דעם ערליכן אידענטום מיט כל ערליי רדיפות, מען האט פשוט מורא ארויסצוגיין מוחה זיין ציטערנדיג פאר די אכזריות'דיגע שריט פון די ציונים, זייער גאנצע ציל איז בלויז אויסצורייסן אידישקייט רח"ל. דאס זענען דאך די זעלבע חברה וואס האבן חרוב געמאכט גאנצע קהלות קדושות אין אייראפע, און זיי האבן אויסגעשמד'ט אלפים ורבבות תמימי לב, און דער ווייטאג איז נאך מער אויב קיינער איז נישט מוחה אויף דעם בעוה"ר! נאר ליידער פארקערט, פאראן אזעלכע וועלכע בארעכטיגן זיי גאר, און אויף אלעם ענטפערן זיי אז עס איז כשר וישר!**

דער רבי האט דאן גע'טענה'ט אז די איינציגסטע זאך מיט וואס די ציונים רעכענען זיך נאך, איז דער פאקט אז עס איז פאראן א ציבור פון אידן אין די וועלט וואס איז נישט מסכים צו זיי און צו זייערע מעשים. נאר דורך די זאך איז נאך דא א שטיקל השפעה, און א כח זיי אפצושרעקן.

## אן ארגאניזאציע - דער איינציגסטער כח

דעריבער האט דער רבי ווייטער אויסגעפירט זיינע ווערטער:

**עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה נאר צו בעטן די אומות העולם, זיי זאלן פרובירן אויסנוצן זייער השפעה אויף די דארטיגע ממשלה אז זיי זאלן נישט קענען אזוי אונטערדרוקן די ערליכע אידן. אפילו אויף דעם האבן נאך די ציונים טענות מיט דעם אז מיר גייען צו די גוים זיך אפרעדן קעגן זיי, אבער ווען נישט דאס וואלטן מיר נישט געהאט חס ושלום דעם כח אין די וועלט, און ווער ווייסט צו עס וואלט בכלל געבליבן עפעס א זכר ח"ו, און ווער עס האט נאר אביסל שכל וועט מודה זיין צו דעם.**

דעריבער - האט דער רבי ווייטער געפאדערט - מוז ווערן געגרינדעט אזא סארט גרופע אדער ארגאניזאציע פון יראים, וועלכע זאלן שטיין על משמר הדת, סיי דאהי און סיי אין ארץ ישראל, זיך מחזק צו זיין, און מוחה זיין, און נישט איינרוען, נאר אויפרודערן די וועלט. און א פאראייניגטע ארגאניזאציע – האט דער רבי געטענה'ט - אקצעפטירט מען נישט אונזער מיינונג אין די וועלט, ממילא אז מען וועט האבן אן ערנסטע קערפערשאפט קען מען פיל אויפטאן, ובפרט אז עס האבן זיך שוין געוואנדן מערערע מענטשן פון דער גארער וועלט צו שאפן אזא גרופע.

• רצון קדשו של רביה"ק זי"ע •

**...מען וועט זוכן פון יעדע קהלה די אידן וואס ווילן זיך אנגעהערן דערצו, ביז מען וועט צוזאמשטעלן אן ערך טויזענט מעמבערס, אזוי ארום וועט דאס האבן א געוואלדיגן כח...**

## נישט קהלות נאר יחידים

בתוה"ד האט דער רבי געזאגט אז עס איז זייער שווער אז מען זאל אריינגעמען אין די גרופע גאנצע קהילות, ווייל אין יעדע קהילה איז דא פארשידנארטיגע מענטשן מיט פילפארביגע דיעות און השקפות, יעדער האט אן אנדערע מיינונג, און עס איז אוממעגליך אז מען זאל מאכן איינס דערפון.

עס קען גאר זיין אז אין די אלע קהילות זענען דא אזעלכע וואס העטן אינגאנצן נישט געוואלט זיך אנקערן מיט אזא ארגאניזאציע. אבער - האט דער רבי אויסגעפירט – יחידים זענען זיכער דא אין יעדע קהלה וואס ווילן זיין חברים אין אזא ארגאניזאציע פון ערליכע אידן, מען קען ווען צוזאמקלויבן אפילו טויזנט ערליכע אידן וואס זאלן וועלן האבן שייכות דערמיט.

## טויזנט מעמבערס

וויאזוי זאל זיך די ארגאניזאציע האלטן? האָט דער רבי פארגעלייגט א הצעה אַז מען וועט זוכן פון יעדע קהלה די אידן וואס ווילן זיך אנגעהערן דערצו, ביז מען וועט צוזאמשטעלן אן ערך טויזענט מעמבערס, אזוי ארום וועט דאס האבן א געוואלדיגן כח.

דער רבי האט דאן באטאנט אז אפילו די ציונ'יסטישע ארגאניזאציע האבן אנגעפאנגען מיט בלויז צוויי טויזענט מעמבערס, אויב מיר האבן נישט א פאראייניגטע ארגאניזאציע ווי עס זענען אנגעשלאסן א גרויסע צאל אידן מאכט מען אונז אוועק און מען לאכט זיך אויס דערפון, אבער א ארגאניזאציע פון טויזנט מענטשן קען מען נישט אוועקמאכן...

## מעמבער שיפ

רביה"ק זי"ע האט געזארגט און אויפגעברענגט אז דאס ברויך קאסטן אסאך געלט, וואס אויב מען וועט נישט שטעלן א יסוד דערפאר וועט זיך דאס נישט האלטן, דער רבי האט דאן פארגעשלאגן אז יעדער מעמבער זאל באצאלן יערליך לכה"פ $10 מעמבערשיפ, כדי צו קענעןביישטייערן די

גרויסע קאסטן וואס אזעלכע פעולות פארלאנגען. דערמיט האט דער רבי געשטערעבט צו שאפן די סומע פון $10,000 צען טויזנט דאלער א יאר – וואס איז געווען א הון רב בימים ההם – מיט וועלכע מען זאל קענען אויפטוען גדולות ונצורות.

און זינט דאן האט מען זיך טאקע מערערע מאל באנוצט מיט די נאמען פון אט די ארגאניזאציע ביי די מערכות און ביי די פראטעסטן און אין מודעות אין די גוי'אישע פרעסע.

• תביעת מרן רביה"ק זי"ע •

**...דער רבי האט דאן פארגעשלאגן אז יעדער מעמבער זאל באצאלן יערליך לכה"פ $10 מעמבערשיפ, כדי צו קענען ביישטייערן די גרויסע קאסטן וואס אזעלכע פעולות פארלאנגען. דערמיט האט דער רבי געשטערעבט צו שאפן די סומע פון $10,000 צען טויזנט דאלער א יאר...**

פרישע רעיונות וואס צו שרייבן כמעין המתגבר וכנהר שאינו פוסק, ביז מען האט ענדליך געקענט ארויסגעבן דעם ארטיקל. מיט אט אזא עינא פקיחא און משמרת על גבי משמרת איז רביה"ק געשטאנען איבער יעדן פירסום אין די פרעסע!

**אט דאן איז געשטעלט געווארן דער גרונדשטיין פאר די הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא" וועלכע איז היינט די חומה בצורה און פאנצער פארן מלחמה לד' בעמלק.**

*

ווי הרה"ח ר' סענדער שילדערט פלעגט דער רבי פארזאגן וואס מען זאל שרייבן אין די צייטונגען, אין אויפדערנאכט האט אים דער רבי אריבער גערופן און אנגעהויבן פארזאגן וואס מען זאל שרייבן אין אן ארטיקל אין די "ניו יארק טיימס" כדי אפצוועטפערן די אטאקעס און בלבולים וואס די ציונים האבן פארשפרייט אין די גויאישע וועלט. עס האט געדויערט לאנגע שעה'ן ביז פרי פארטאגס, מיט א שמייכל רופט זיך דער רבי אן צו ר' סענדער אז ער ברויך אהיימגיין כדי אפצושרייבן דאס גאנצע און אינדערפרי זאל ער צוריק קומען פארליינען וואס ער האט געשריבן. שפעטער ווען ר' סענדער איז צוריק געקומען מיטן פארטיגן ארטיקל און אנגעהויבן פארליינען, האט אבער דער רבי אינמיטן אריינגעהאקט און אויפגעברענגט

**בשנת תשי"ח** טראץ די שווערקייטן דערצו בימים ההם האט רבינו הק' זי"ע דאס געמאנט און געפאדערט, אז עס זאל ווערן אויפגעשטעלט אזא סארט ארגאניזאציע וואס זאל זיך אפגעבן מיט די עבודת הקודש.

אין שנת תשי"ח ווען עס האט זיך געטומעלט איבער די גרויסער מערכה ביי די פרשת הבריכה, ווען די ציונים האבן אויפגעשטעלט בפלטרין של מלך א געמישטן שווים באסיין רח"ל, און דער רבי האט דעמאלט פאררופן די ערשטע דעמאנסטראציע אין וואשינגטאן, נאכן פראטעסט ווען דער רבי האט געליטן אויף די שטימע האט ער אפגעשריבן צעטלען איבער פארשידענע זאכן.

בתוה"ד שרייבט דער רבי בזה"ל:



ויוכל...
להיות שהי' אפשרות לייסד ע"ז חבורה שישתתפו בהמעות הנצרך לזה כי לזה הכל מסכימין...

*

**בשנת תשכ"ז** קרוב צו צען יאר שפעטער בשנת תשכ"ז ווען רביה"ק זי"ע האט געפירט די הייליגע מערכה אפצושרייען די גזירה נוראה פון ניתוחי מתים האבן די רבנים נאך די דעמאנסטראציע אפעלירט צום ציבור איבערן גרויסן נחיצות מען זאל גרינדן א באזונדערע ארגאניזאציע וואס זאל זיך מיט דעם אפגעבן, דער רבי האט דאס ערוועגט ביי די מסיבה פון די התאחדות הרבנים (חידו"ת להחזקת המוסדות פ' בחקותי דף רס"ז), וזל"ק:

**ומלבד זה הנה גם עבור המלחמה שאנו עסוקין בה עתה אשר מחוייבין להמשיך בה, צריכין ג"כ לחשוב להעמיד עבור זה איזה יסוד וארגון מיוחד בפ"ע, וכמו שבעזהשי"ת מוציאין לפועל כמה עניינים כמו"כ מן הצורך שיהי' גם עבור זה איזה יסוד שיוכלו להמשיך בזה "מ'זאל קענען צוזאמהאלטן" וכו'. אבל עכ"פ על כל הדברים האלה צריכין יסודות של תמיכה על דא ועל דא, וצריכין לחשוב על זה איזה אופנים שיוכלו לקיים כל זאת, ומחוייבין ליטול חלק בזה כל א' וא' ואין בזה שום**



א קאפיע פון כתב יד קדשו של מרן רביה"ק זי"ע
געדרוקט אין אגרות מהרי"ט עמוד ש"ב

**תירוץ להשתמש מזה, דכמו שמחוייבין להחזיק כל דבר שבקדושה כמו"כ מחוייבין להחזיק גם את זאת.**

## דער רבי הייסט מעלדן אין די ראדיא...

ווי מיר האבן פריער דערמאנט אין שנת תשי"ח ביי די מערכה פונעם געמישטן שווים באסיין אין הארץ פון ירושלים עיה"ק האט דער רבי דאן פארגעשריבן גאר וויכטיגע ענינים איבערן פרסום בין האומות, וואס יעדעס קוץ ותג איז אן הוראה מפורשת מיד ולדורות לדעת את המעשה אשר יעשון.

דער רבי זי"ע שרייבט אויך אין די אויבנדערמאנטן צעטלען בזה"ל:

**...בענין המצב אני חושב... הראדיא גם ענגליש כל מה שרוצים לדבר אצל הפיקוטין והדימענסטראציע ועוד יותר ויותר רק שיהי' בהשכל ודעת ויהי' בשעה הראוי' שכל העם שומעים יוכל להיות שזה יהי' יותר טוב מהכל לנסות איזה זמן בדרך זה...**

מען זעט ווי דער רבי האט פארלאנגט מען זאל ממשיך זיין די פעולות פון פראטעסטן אויף ווייטער, און אויך אַז מען זאל רעדן ביי די דעמאנסטראציע און ביי די פיקעטינג אין ענגליש. ער ערווענט שטארק אז מען זאל דאס פארעפענטליכן אפילו אינעם "ראדיא"... נאר אלעס זאל ווערן אפגעשריבן און מסודר אויף א שכל'דיגער אופן, און דאס פארעפענטליכן אין א גוטע געלעגנהייט ווען יעדער זאל דאס קענען זען, און דאס זאל זיין אינטערסאנט פאר יעדן.

הרה"ג ר' מאיר שפיץ שליט"א אב"ד ביסטריץ פארציילט אז ער האט אמאל גערעדט מיטן רבי'ן איבער א מעגליכקייט אפצודינגען פארשידענע "טשענעלס" אין די "ראדיא", צו קענען מפרסם זיין דעם תורה'דיגען דעת איבער ציונות. דער רבי האט גאר שטארק הנאה געהאט דערפון און געקלערט וויאזוי צו קענען שאפן דאס געלט דערויף... אבער צום סוף איז דאס נישט געלונגען ארויסצוברענגען.

## איך וואלט אריינגעלייגט יעדן חודש

ווי עס פארציילן די עסקנים וועלכע האבן דעמאלס מיטגעארבעט, אז ווען מען האט דעם ערשטן אמאל אריינגעלייגט אן אנאנס אין די גוי'אישע צייטונג דער "ניו יארק טיימס", וואס ווי פארשטענדליך האט דאס אפגעקאסט א הון תועפות. מען האט געדארפט ארומגיין שאפן די פאנדן דערצו, האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט: **אז ס'העט ווען געווען געלט וואלט איך אריינגעלייגט א יעדן חודש...**

## לאזן פאטאגראפירן בילדער

בנוגע פארעפענטליכן די רעקלאמעס, איז אינטערסאנט איבערצוגעבן וואס הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל אבד"ק אבני שלמה - פון די נאנטסטע מענטשן פונעם רבי'ן ז"ל -



האט אמאל איבערגעגעבן די עסקנים פון "נטרונא", אז ווי באקאנט האט דער רבי זייער מקפיד געווען נישט צו לאזן כאפן קיין בילדער פון זיין הייליגע צורה, און געזוכט ווי צו אנטלויפן פון די אלע טראסקעס און אויפנאמעס... אבער ווען ער פלעגט פארן קיין ארץ ישראל אויף זיינע באזוכן לקדש שם שמים, איז נישט בלויז וואס ער האט געזוכט די פרסומים, נאר אדרבה פון רבינ'ס שטוב האט מען איבערגעגעבן פאר די רעפארטערס ווען דער רבי וועט פארן, און זיכער געמאכט אז זיי פארציילן איבער די באזוכן, און זיי וועלן איבערגעגעבן אז דער "גרויסער אנטי ציוני" קומט שטיצן די געטרייע לוחמים און ערליכע אידן אין ארץ ישראל...

## מען מוז טרעפן נייע וועגן

די הייליגע דיבורים זענען דאך א שו"ע פאר אונז, פון וועלכע מיר קענען פיל לערנען, בעיניו הבדולחים האט



רביה"ק דערשפירט דעם פראבלעם אז מען קען נישט יעדן טאג ארייינשטעלן אין צייטונגען אז עס זאל אנקומען אין די גאנצע וועלט, עס איז פשוט אוממעגליך, דערפאר שלאגט פאר דער רבי' אז מען מוז ממציא זיין נייע פאטענטן און נייע וועגן וויאזוי דאס מפרסם צו זיין, מען זאל דאס מעתיק זיין אין טויזנטער עקזעמפלארן און צושיקן אויף טויזנטער אדרעסן.

טראץ וואס חדש אסור מן התורה, האט דער רבי געהאלטן פאר וויכטיג אז בתחבולות תעשה מלחמה, מיטן שטן מוז מען אויפטרעפן נייע ערפינדונגען און פרישע כלי זיין צו קענען גיין אין קאמף אקעגן אים, כהיום הזה אין די פארגעשריטענע וועלט וואס אלעס קען צושפרייט ווערן אין אן אויגן בליק, ערפילט נטרונא דעם רצון צדיק, דער הייליגער וואונטש פון רבי'ן און שטרעבונג, מיטן וועב זייטל וועלכע נטרונא האט אויפגעשטעלט וואס גיבט די געלעגנהייט און מעגליכקייט אז מען זאל קענען מפרסם זיין לכל באי עולם אויף א געוואלדיגן פארנעם די מלחמה לד' בעמלק וואס מען קען נישט טאן יעדן טאג מיט דעמאנסטראציעס.

הרי שלך לפניך, אט האבן מיר א קלארער בילד און הייליגער דעת תורה פון מרן רביה"ק זי"ע לדעת את המעשה אשר יעשון, וואס עס איז דער פליכט פונעם כלל ישראל אינעם מלחמה לד' בעמלק.

# בְּיָמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה...

אצינד לאמיר געבן א מיש איבער דאס בלעטל ביז 50 יאר שפעטער
און כאפן א שטיקל בליק איבער די איבערפרישונג
און פארצווייגטע פראיעקטן פון די אלט/ניי ארגאניזאציע

# נטרונא

באזירט ע"פ משנתו והוראותיו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע
ובהתייעצות גדולי תלמידיו הרבנים הגאונים שליט"א

- דאס ווידערגרינדונג
- דער קריטישער ציל
- די נוצבארע מיטלען
- די געוואלדיגע אויפטועו

# אלא בזכות נטרונא

## על הראשונים... ועל האחרונים...

די ארגאניזאציעס **"איחוד עולמי למען חיזוק הדת"** און **"איחוד הקהלות החרדיות"** האבן פילע יארן אויסגעפירט און אנגעפירט די הייליגע תפקידים און מערכות וואס רבינו הקוה"ט זי"ע האט געבלוטיגט דערויף בדם לבבו הטהור, אבער ווי עס איז יעדער דבר שבקדושה ובפרט אזא הייליגן ענין וואס איז נוגע די יסודי הדת נישט אנגעהאלטן, און ברבות השנים מאז ועד עתה וואס די מלחמת הציונית איז ב"ה אנגעגאנגען צווישן די רייען פון ערליכן ארטאדאקסישן אידענטום בתוקפה, האט אבער ארויסגעשיינט דעם גרויסן חלל וואס שפירט זיך אז עס איז נישט אן ארגאניזאציע וואס זאל זיך אפגעבן דערמיט בפרטיות.

## לעשות רצון צדיק

אין לויף פון די אלע יארן וואס דאס יהדות החרדית גייט ב"ה אן מיט די הייליגע מערכה און מלחמה לה' בעמלק מיט די מאסן דעמאנסטראציעס צו פראטעסטירן אויף די גאסן קעגן די ביטערע חוקים און גזירות פון העברה על הדת בארצינו הקדושה, אויסנוצנדיג דערביי די געלעגענהייט צו ערפילן דעם פליכט וואס רביה"ק שרייבט אין ויואל משה אז דערמיט איז מען מקיים זיין דעם "חיוב עצום" צו מודיע זיין פאר די אומות העולם "שעדיין יש תורה בישראל", און אז די ציונים פארטרעטן נישט כלל ישראל. איז אלס ארויסגעקומען אויפן אויבערפלאך דאס נחיצות פון אן ארגאניזאציע וואס זאל ארײנלייגן, צייט, געלט, און כח אז דאס זאל גרייכן דעם ציל וואס מרן רביה"ק זי"ע האט געוואלט, אז דאס אלעס זאל נתפרסם ווערן לעיני השרים והעמים, ווייל די צייטונגען האבן כמעט נישט באריכטעט אין זייערע בלעטער איבער די אלע פילע מחאות.

## למי ומי הולכים?

נאך מער פון דעם, מען האט אפילו פון צייט צו צייט מפרסם געווען גרויסע רעקלאמעס אין געוויסע צייטונגען איבער די אלע ענינים, אבער אעפ"כ איז דאס נישט אזוי ווירקזאם ווי עס באדארף צו זיין. צוליב דעם וואס ס'איז נישט געווען באשטימט קיין שום ארגאניזאציע וואס זאל זיך



באזונדער מטפל זיין מיט די ענינים, און דער גוי וואס האט אים פאראינטערעסירט צו וויסן אביסל מער פרטים איבער די שטעלונג פון דאס יהדות החרדית בנוגע די מדינת הכופרים, האט ער ליידער נישט באקומען דעם גענויען אדרעס דערויף, **ווייל ס'איז נישט געווען א ספעציפישע ארגאניזירטער אפיס מיט ערפארענע ענגליש-רעדענדע מענטשן וואס זאלן וויסן סיי דעם קלארן דעת תורה איבער די אלע ענינים** (וואס פיל מאל ווערט מען אנגעפרעגט אין גאר האקעלע ענינים), סיי די פונקטליכע מציאות'ן, און סיי זיי זאלן זיין באשאנקן מיט א מדע ובינה יתירה צו וויסן וואס און וויאזוי מען מעג און מען דארף ענטפערן, און פיל מער וויסענשאפט ביי שאלות וואס מ'טאר נישט און מ'קען נישט ענטפערן, און פארט זאל יענער ארויסגיין מיט א צופרידנשטעלנדער ענטפער.

ובפרט האט זיך ארויסגעשטעלט א שטארקער חלל, דאס וואס די מערכות זענען נישט געווען צוגעשטעלט לפי רוח העולם (התוהו...) **וואס דער היינטיגער גוי איז רגיל אז ווען ער וויל וויסן סיי וואספארא אינפארמאציע איבער א געוויסע ענין**, זוכט ער דאס אין די 'אינטערנעט' ביז ער טרעפט אן דעם ספעציפישן "וועב זייטל" וואס איז געשטעלט צו געבן אינפארמאציע איבער דעם דאזיגן נושא, און **דארט באקומט דער גוי זיין גאנצע וויסענשאפט. און אויב טרעפט ער נישט דארט קיין פרטים איבער א געוויסע ארגאניזאציע ווייסט ער גלייך אז דאס איז ניטאמאל עפעס א גרופע וואס האבן א געהעריגע פארטרעטערשאפט**, און זיי זענען זיכער וויניגער פון א מיעוטא דמיעוטא גרופע (ווייל א מיעוטא דמיעוטא האט ביים גוי אויך איינס אדער מערערע וועב זייטלעך אויפ'ן אינטערנעט).

דאס און נאך פארשידענע אנדערע כשלונות קומען כסדר ארויס, וואס שטערן אז די אלע הייליגע מערכות פון מחאה קעגן די פינסטערע גזירות פון די מלכות המינות, הסרת חילול השם, און פרסום האמונה, זאל האבן דעם ריכטיגן אפקלאנג אין די גוי'אישע וועלט. וואס פאר דעם צוועק האט מרן רביה"ק זי"ע געשטרעבט מייסד צו זיין די ארגאניזאציעס **"איחוד עולמי למען חיזוק הדת"** און **"איחוד הקהלות החרדיות"**, וואס זאל דינען די הייליגע מטרה. ביז...

## וחזרו ויסדום

דער אלט/ניי ארגאניזאציע, היינט באקאנט מיט'ן נאמען "נטרונא", איז פריש געגרינדעט געווארן אין שנת תשס"א לפ"ק דורך עטליכע עסקנים טרייע תלמידי מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, בהתייעצות מיט הרבנים הגאונים שליט"א ממשיכי דרכו פון מרן רביה"ק זצ"ל, וועלכע האבן גאר שטארק מחזק געווען די עוסקי בצרכי ציבור ב"אמונה" צו פארשפרייטן די ריינע אמונה טהורה און אמת'ע בליק פון אידן שומתומ"צ איבער די מדינה הציונות, זעענדיג אין דעם א גלייכן המשך צו די **"איחוד עולמי למען חיזוק הדת"** און **"איחוד הקהלות החרדיות"** וואס רביה"ק זצ"ל האט מייסד געווען בשעתו.

## ויקרא שמו בישראל "נטרונא"?...

**וואספארא נאמען איז דאס? פון ווי האט מען דאס פארשאפט?...**

א פראגע וואס מען האלט אין איין הערן פון מענטשן. אבער אידן וואס האבן זוכה געווען להתחמם באורו הבהיר פון מרן רביה"ק זי"ע, לערנען זיינע הייליגע ספרים, הערן די פייערדיגע טעיפס, איז היימיש מיט דעם באקאנטן מאמר חז"ל, דער מדרש וועלכע דערמאנט די זכותים וויאזוי אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון אלע גלות'ן: **מי פרע לכם ממדי וכו', מרדכי ואסתר וכו'. מי פרע לכם מיון וכו', בני חשמונאים...** אינעם היינטיגער גלות וויאזוי וועט דער איבערשטער אונז באצאלן, און מיר וועלן ווערן אויסגעלייזט? **מי פורע לכם ממלכות רביעית? זאגט דער מדרש "נטרונא!". וואס דאס באדייט "האפן און ווארטן."** דאס מיינט אידן וועלן ווערן אויסגעלייזט פון גלות דורך ווארטן אויף די גאולה, און זיכער מאכער נישט צולאזן קיין שום גאולה בעפאר די צייט ח"ו.

## מעז יצא מתוק

די ארגאניזאציע "נטרונא" איז געגרינדעט געווארן אין א געוויסע זין ווי א 'דבר שאינו מתכוון', דאס איז געווען נאך א פראטעסט וואס איז פארגעקומען אין וואשינגטאן בשנת תשס"ב לפ"ק אין צוזאמענהאנג מיט א באזוך פון דעם דעמאלט'סדיגן ראש הממשלה פון די מדינה של גיהנם "אריק שרון" שם רשעים ירקב, ווי עס האבן זיך באטייליגט פילע צענדליגער אידן וואס האבן אין יענעם שווערן וועטער פון אינמיטן א שנייאיגן ווינטער זיך אנגעשטרענגט צו קומען מוחה זיין קעגן דעם עוכר ישראל און מפרסם צו זיין אז דער כופר פארטרעט נישט דעם עם ישראל.

שטייענדיג ביי די דעמאנסטראציע'ס זענען צוגעקומען גוים אנפרעגן איבער דעם ציל פון די דעמאנסטראציע וועלנדיג זיך דערוויסן מער אינפארמאציע, ווען מען האט זיי פארטיילט א ליפלעט וועלכע האט אנטהאלטן דעם פרעס רעליס האבן זיי זיך אינטערסירט ווי מען קען הערן מערערע פרטים דערוועגן, איז דא א וועב זייטל וואס ברענגט ארויס די אידעאלאגיע, א טעלעפאן נומער ווי צו באקומען ענטפערס אויף פראגעס. עס האט ביי זיי ארויסגעברענגט א ציניש שמייכל ווען דער ענטפער איז געווען בלא...

**די ערלים האבן דאס דאן אנגעקוקט ווי פון די לבנה אראפגעפאלן, וואס איז דאס בכלל אן ארגאניזאציע וואס האט ניטאמאל די מינימאלע צוגעהערן, דאס האט געלאזט א שטארק נעגאטיוון רושם, דערפאר איז דעמאלס לפי בקשת גדולי הדור שליט"א, זיך פארמירט א גרופע פון חשובע עסקנים און אנגעהויבן צילן צו שאפן א פלאטפארמע, א אפאראט וואס זאל זיך אפגעבן מיט די ענינים.**



קודם האט מען געגרינדעט א אפיס און א וועב זייטעל פון איין פעידזש, נישט גלייבענדיג אז יש דברים בגו, און האט באריכטעט אין קורצן איבער דעם פראטעסט וואס איז פארגעקומען באגלייט מיט אינטערעסאנטע בילדער, האפענדיג אז אולי ואולי וועט דאס כאטש עטוואס נתפרסם ווערן.

## וישתומם על המראה

ווי פארוואונדערט איז מען געווארן ווען בלויז געציילטע טעג נאכדעם וואס מען האט עס מפרסם געווען האט מען אנגעהויבן צו באמערקן אז פילע הונדערטער מענטשן שטאטן אפ א בליקענדע באזוך אויף יענעם פעידז"ש, און אויך האט אנגעהויבן אריינצושטראמען צו די פירמע פילע אנפראגעס בנוגע די "נייע סארט" אידן וואס זענען קעגן דעם רעיון פון ציונות, פארלאנגענדיג אן אויפקלערונג דערויף, עס האט זיך געעפענט פאר זיי עפעס א נייע וועלט, אז מ'קען זיין א איד און נישט האבן קיין שייכות מיט "איזראעל" און מיט די אלע מעשים תעתועים וואס קומען דארט פאר, און זיי האבן געבעטן אז מ'זאל זיי שיקן חומר איבער די ענינים. דאס אלעס איז געווען וואס האט



א גוי לייגט
א "נטרונא"
ביזנעס קארד...




אריינגעגעבן אין עטליכע עסקנים די אנטשלאסענקייט אז מען מוז איבערפרישן די אלטע ארגאניזאציע וואס דער הייליגער שר צבא ה' מרן רבינו הק' זי"ע האט געגרינדעט כמעט פופציג יאר פריער.

## וסמכו זקני העדה את ידיהם

"נטרונא" האט זוכה געווען צו באקומען די פולע שטיצע און חיזוק פון פילצאליגע זקני תלמידי חכמים הרבנים הגאונים תלמידיו המובהקים פון רביה"ק זי"ע אשר נשמתם בגנזי עדן, און להבחל"ח הרבנים הגאונים שליט"א.

בראש וראשונה ברויך דערמאנט ווערן כ"ק הגאון הצדיק המפורסם עמוד הוראה גאב"ד מאנטאווידעא זצ"ל וואס האט געברענט מיט אן אש קודש לטובת די ארגאניזאציע נטרונא, מיר האבן געהאט די זכי' אז דער רב זצ"ל האט עטליכע מאל באשיינט בראש המסובין ביי באנקעטן לטובת החזקת נטרונא

און מעורר געווען נדיבי' עם מיט דבריו החוצבים להבות אש מען זאל ביישטייערן פארן מלחמה לד' בעמלק.

ספעציעל דארף דא ארויסגעברענגט ווערן די אויסערגעוועדליכע חדוה ושמחה וואס הגאון הצדיק המפורסם ר' נתן יוסף מייזעלס זצ"ל דער ריכטיגער יד ימינו ונאמן ביתו פון מרן רבינו הק' זי"ע האט ארויסגעוויזן פאר די עסקנים אין זייער הייליגער מפעל, זעענדיג דאס אויך ווי א וויכטיגער שליסל פונקט פאר'ן עתיד אז מ'זאל קענען עפעס אויפטאן אין די אלע הייליגע מערכות וואס דער יהדות החרדית פירט אן קעגן די מדינה הציונות ואביזרייהו, און ער איז שטענדיג געשטאנען אין קאנטאקט מיט די עסקנים וואס האבן זיך כסדר שואל עצה געווען מיט אים לדעת את המעשה אשר יעשון.

די ארגאניזאציע "נטרונא" איז זיך מתייעץ מיט חשובע רבנים מובהקים שליט"א על כל צעד ושעל, יעדעס ענין און פעולה פון נטרונא איז געטועט געווארן מיט א געוואלדיגן כובד ראש און מתינות ווען מען האלט פאר די אויגן דעם הייליגן יסוד און שטריך ליניע פאר אלע פראיעקטן און אקטיוויטעטן




פון "נטרונא" אז אלעס זאל ווערן געטאן בדיעה בינה והשכל, ע"פ משנתו והוראותיו הברורות פון יחיד בדורו בחכמת אלקים דער מנהיג ישראל האמיתי מרן רבינו הק' זי"ע, וממנו לא נטה ימין ושמאל.

## • העתק מספה"ק על הגאולה ועל התמורה (עמוד קצ"ג) •

**ועלינו לגלות דעתנו בפרסום ובגלוי' כי כל יהודי חרד עם א-ל ומאמין בהבוי"ת, אינו חפץ בממשלתם ובמדינתם, ועצם קיומם מתנגדת לתורתינו הקדושה ומרידה במלכות שמים, כמבואר אצלינו באריכות בספרי ויואל משה, והוא אבן נגף לכל ישראל, וזה ברור ואין בה צד ספק...**

# ונקדשתי בתוך בני ישראל

## חוקיו ומשפטיו לישראל

על אף וואס דער ענין פון פרסום האמונה בין העמים און ממעט זיין פון דעם חילול השם האיום והנורא איז א התחייבות גמור ווי רבינו הקוה"ט שרייבט דאס בספרו הקדוש 'ויואל משה' און האט דאס איבערגעזאגט ברבים כמה פעמים להלכה למעשה, און אודאי איז דאס איינע פון די גרעסטע תפקידים וואס "נטרונא" ערפילט אויפ'ן העכסטן גראד פון מענטשליכער שלימות, אעפ"כ מוז צום אלעם ערשט ארויסגעברענגט ווערן די עבודת הקודש וואס די ארגאניזאציע "נטרונא" האט אויף זיך אונטערגענומען אינעם הינזיכט פון באלייכטן פאר טויזענטער אידישע קינדער מיט דעם אור האמונה הטהורה, ווייל סוכ"ס איז דער ענין געווען דער עיקר עסק וואס מרן רביה"ק האט זיך דערמיט באשעפטיגט כל ימיו ממש עד כדי מסירות נפש, און מחריד געווען כל העולם כולו מיט די הייליגע פייערדיגע שלש סעודות תורה'ס וואס זענען געזאגט געווארן בדמעות שליש, און צוליב דעם איינעם הייליגן צוועק האט ער בשארית כוחותיו אפגעשריבן דעם הייליג ספר 'ויואל משה' בדם לבבו ונפשו, וואס תורתו מגן לנו והיא מאירת עינינו.

**• העתק מספה"ק ויואל משה (הקדמה דף י"א) •**

**...ואם יעלה בידי שאזכה להוציא מהמבוכה בדעה הרעה הזאת אף אחד בישראל, הכל כדאי כי אם נקח כל פירצות הדור והעבירות המרובות הנעשית בכל העולם וישימו אותם בכף מאזנים אחת, ומדינה הציונית בכף מאזנים השני' תכריע את הכל, שהוא השורש פורה ראש ולענה של אבי אבות הטומאה שבכל אבות הנזיקין שבכל העולם כולו, והן המטמאים את כל העולם כולו.**




# פרשה זו יפה נדרשת

## • פרש"ה פעירעל"ס •

אַיינע פון די גראנדיעזע פראיעקטן אין דעם הינזיכט איז די אויפגעכאפטע וועכענטליכע **"פרשה פערלס"** דאס איז א ספעציעלע גליון אויף די ענגלישע שפראך, מיט א ליקוט פון פנינים יקרים אויף די פרשה פון די וואך, ארויסגענומען פון ספרן של צדיקים, באגלייט מיט פילע אנדערע רעיונות און געדאנקען אויף די סדרה, אלעס אין די ענינים פון דעם גזירת הגלות ואמונת הגאולה וביאת המשיח, און די חומר פון בועט זיין אינעם גזירת הגלות און די העברה אויף די שלש שבועות, און בגנות הכופרים בה' און דאס התחברות מיט זיי, די הארבקייט פון עבירות אין ארץ ישראל, וכל המסתעף אין די אלע יסודות'דיגע ענינים. די אלע מאמרים ווערן געשריבן דורך א תלמיד חכם מובהק א זעלטענער בעל השקפה אמיתית און בעל לשון, און דאס ווערט אהערגעשטעל אין גאר א געשמאקע צוציענדע שפראך, אז מ'זאל אביסעל דערהערן דעם אמת'ן דעת תורתינו הקדושה.

## ויפיצם בישראל

די דאזיגע "פרשה פערלס" ווערן אויסגעטיילט מידי שבוע בשבוע צווישן אנדערע תורה בלעטער אין הונדערטער שולן אין פלעטבוש, קווינס, ניו דזשורזי, לאס אנדזשעלעס, שיקאגא, פלארידע, און נאך ווייטע פילע פארוואָרפענע סטעיטס, דארטן וואו עס ערשיינען אנדערע סארט ענגלישע תורה בלעטער. ווי אויך ווערט דאס ארויסגעשיקט אין א רעגלמעסיגן שטייגער פאר פילע טויזענטער סוקסקרייבער דורך אי מעיל.

די פרשה פערלס איז זייער וויכטיג און נוצבאר צוליב דעם וואס פילע ענגליש-רעדענדע אמעריקאנער תמימות'דיגע אידן ווערן נעבעך געפיטערט וועכענטליך מיט די אנדערע בלעטער וואס רובם זענען אנגעפילט מיט גאר שעדליכע

געדאנקען פול מיט סימפאטיע צום מדינת הכופרים, שוין אפגערעדט פון מגדיל זיין דאס באגריף פון ארץ ישראל פאר דאס הייליגסטע מצוה וואס איז דא ביי כלל ישראל און עס איז כמעט דוחה כל התורה כולה, און די אלע טריפה'נע בלעטער זענען באזירט אויף פאַלשע און קרומע אויסטייטשונגען און תורות פון די וואכעדיגע סדרה, און רובא דרובא אַמעריקאַנער אידן ווייסן ליידער נישט פון קיין אנדערע תורות, זיי ווערן פאַרגאַפט פון די גלאנציגע מאמרים, און דערמיט ווערן זיי פייערדיגע פאטריאטן און שטיצער פון די ממשלת הכופרים און אלע זייערע התגרות באומות ה"י.

> **...די פרשה פערלס איז זייער וויכטיג און נוצבאר צוליב דעם וואס פילע ענגליש-רעדענדע אמעריקאנער תמימות'דיגע אידן ווערן נעבעך געפיטערט וועכענטליך מיט די אנדערע בלעטער וואס רובם זענען אנגעפילט מיט גאר שעדליכע געדאנקען פול מיט סימפאטיע צום מדינת הכופרים...**

פון די פילע רעאקציעס וואס שטראמען איין אינעם אפיס פון נטרונא, שטעלט זיך אהער אן אומגלויבליך בילד ווי ווייט די פרשה פערלס האבן עושה רושם געווען אויף טויזענטער אידן וואס האבן ביז לעצטענס נישט געהאט די מינדעסטע ידיעה אז אידישקייט מיט ציונות זענען צוויי באזונדערע זאכן, און זיכער נישט דאס אז דאס זענען די גרעסטע סתירה איין'ס צום אנדערן, די וועכענטליכע גליונות האבן ממש באוויזן מהפך צו זיין לטובה פילצאָליגע אַמעריקאַנער אידן און זיי אויפקלערן איבער די שעדליכקייט און סכנה פון ציונות, און וואָס עס איז די גאולה האמיתית והשלימה אויף וואָס אידן קוקן אַרויס. די נאכפראגע אויף די בלעטלעך ווערט אויך כסדר פילפאכיג פארמערט אין מערערע אמעריקאנע שולן וואס ס'איז נישט אנגעקומען צו זיי ביז יעצט.

## כל דבר נתפעל מהיפוכו

אין אַנדערע שולן האָט עס אָנגעדרייט אַן ערענסטע מערכה כבידה צווישן די מתפללים, און ס'האָט געברענגט צו פייערדיגע וויכוחים צווישן די מיטגלידער פון די שולן איבער די אלע ענינים. אינטערעסאנט צו באמערקן די פאזיטיווע נקודה פון נעגאטיווע מעלדונגען וואס זענען שוין עטליכע מאל אריינגעקומען אין נטרונא אפיס, דאס אַז אין געוויסע שולן ווי פארשידענע מענטשן וואס צוליב זייער ציוניסטישע פאטריאטיזים האבן זיי נישט סובל געווען די וועכענטליכע "פרשה פערלס", און זיי האבן זיך ארומגעאמפערט מיט פילע אנדערע וואס האבן דייקא יא געהאט אן אינטערעס אין די אלע אויפריכטיגע מאמרים פון די ריינע השקפה בלעטער, און דאס האט געברענגט אַ פשרה אַז מהיום והלאה וועט מען נישט אריינברענגען נטרונא'ס גליונות, אָבער אין די זעלבע צייט וועט מען אויך מער נישט אריינלאזן די אלע ציונ'יסטישע פלוג-בלעטלעך. אויך אַ שטאַרקע דערגרייכונג...




# בעקבי הצאן

## • אי"ן ד"י פאטסטעפ"ס א"ף ד"י פלא"ק •

דאס איז דער נאמען פונעם געלונגענעם בוך וואס נטרונא האט ארויסגעגעבן, **צוזאמענעמענדיג די אלע וועכענטליכע ענגלישע "פרשה פערלס" אין איין באנד**, כדי אז די אלע אידן זאלן קענען האבן ביי זיך אינדערהיים צו דער האנט א באזונדערע באנד אויף אלע פרשיות התורה ווי זיי וועלן טרעפן די הערליכע פערל ווערטער וואס ברענגען ארויס דעם ריכטיגען אלטן דרך הישן "בעקבי הצאן" וואס איז אויסגעטרעטן געווארן דורך די אלע הייליגע רועי צאן קדשים פון די פריערדיגע דורות, אין אלע הינזיכטן וואס ס'הערשט דערין א בלבול המוחות אין די היינטיגע צייטן. דער געלונגענער חיבור האט זיך שוין ביז היינט פארקויפט אין די טויזענטער אלס "האט אייטעם" פאר א פארהעלטנמעסיג ביליגער פרייז, און די גאר פאזיטיווע רעזולטאטן פארשפעטיגן נישט צו קומען ספעציעל פון די דערפרייענדע פאקטן **אז גאר אסאך דזשודעיקא סטארס דייקא נישט היימישע פון פרעמדע געגנטער, באשטעלן כסדר רי-ארדערס, נאכצוקומען די פארלאנג פון די פולע קונדען וואס זוכן דאס.**

דער בוך איז דער ריכטיגער זה לעומת זה אפצוענטפערן די שטארקע בלבולי מוחות וואס הערשט אין די פרעמדע אידישע קרייזן וואס עס האט אנגעזייעט דער ציוניסטישער גאנגבארער בוך ערעץ איזראעל א"ן ד"י פארש"ה וועלכע פיטערט די תמימי לב מיטן ארס במינות ורעל הציונית, און מסלף דא"ח יעדע איינציגע וואך. ב"ה מעט אור דוחה הרבה מן החושך, עס זעהט זיך אן דער געוואלדיגער תועלת פון נטרונא'ס בוך ווען מען באקומט צוריק גריסן פון מלמדים וואס גיבן דאס איבער פאר די קינדער אין חדרים מדי שבוע בשבוע, טאטעס פארן שבת טיש, טיטשערס פאר די לימודים פון היי סקול, אא"וו, עס באווייזט ב"ה גדולות ונצורות אויסצוגראדן עקמימיות למישור, און אריין צוברענגען אמונה אין אומצאליגע עדרי צאן קדשים.




# דברים העומדים על הגליון

## • לא בחי"ל •

ס'איז איבריג צו ערווענען דער גאר אינהאלטפולער אידישער גליון "לא בחיל" וועלכע עס ווערט ארויסגעגעבן דורך "נטרונא" פארן היימישן ציבור בכל מקומות מושבותיהם, מיר לעבן דאך היינט אין א תקופה וואס עס קומען ארויס נסיונות חדשים לבקרים לא שערום אבותינו.

**מדי יום ביומו ווערן נתחדש פרישע שערוריות און פאליטישע איבערקערענישן, אט דאס קען ליידער אנזייען אפילו ביי היימישע אידן שטארקע בלבולי מוחות, עס איז א אפענע וועלט ווי קינד און קייט האלט מיט אלע נייעס'ן און פאליטיק,** עס קאכט זיך אין די מקוואות, דאס ברענגט ליידער צו אידן וואס זענען נישט אזוי אויסגעקאכט אין די אמונה טהורה, אידן תמימי לב אדער דער המון עם וואס איז איינגעזונקען ראשם ורובם אין די צייטונגען ווערן פארכישופט פון די נייעס, מען ווערט צומישט, עס כאפט זיך אריין דעות זרות און מחשבות פסולות זיך מיטצופרייען בנצחונות הרשעים, וואס יעדע מחשבה קלה גרעניצט זיך מיט מינות ואפיקורסות, מען קען אין א רגע באקומען דעם דין פון אן אפיקורס.

דערפאר איז א דבר גדול ונשגב די אויסגאבע "לא בחיל" וואס קומט ארויס מזמן לזמן בדברים העומדים על הפרק, ווען אימער ס'פעלט זיך אויס עטוואס מער ווי געווענליך, וואו דארט קען מען טרעפן געקליבענע מאמרים און ליקוטים איבער דעם דעת תורה האמיתית וואס איז נוגע לכל צרה בשעתה, מיט'ן ציל קלארצושטעלן און מיישר זיין די געדאנקען פון די פילע בלבולי הדיעות וואס ווערן נולד פון צייט צו צייט לפי המצב והענין. ערליכע אידן אומעטום זענען גאר דאנקבאר פאר נטרונא פאר'ן צושטעלן די וויכטיגע מאטעריאל זאגענדיג אז אלמלא לא באו אלא בשביל זה דיינו.



# קול ה' בכח

## • נטרונא טעלעפאן ליין •

איינ'ס פון די גאר וויכטיג אונטערנעמונגען פון נטרונא אין דעם הינזיכט איז דער אפטיילונג וואס זיי שטעלן צו אויף די בארימטע תורה טעלעפאן ליין "קול דודי", וואו מען איז ב"ה זוכה מפיץ צו זיין און אריינשיינען דעם הייליגן אור פון מרן רביה"ק זי"ע דורכן מזכה זיין את הרבים מיט די הונדערטער טעיפס פון די דברות קודש מדי שבוע בשבוע, ובמיוחד אין די הייליגע ימי השובבים הושענא רבא, ווען טויזנטער אידן ווערן נתעורר צו די הייליגע אמונה ולתשובה א דאנק די הייליגע דיבורים וואס זענען א נצחית, דער הייליגער קול וואס איז עדיין מצלצלת באזנינו, עס קלונגט אין די אויערן פון יעדן איד וואס שטרעבט זיך אנצוכאפן און אנהאלטן די קטירא דלא פסיק מיט די צדיקי אמת פון די פריערדיגע דורות ביז משה רבינו מסיני.

**...ווען טויזנטער אידן ווערן נתעורר צו די הייליגע אמונה ולתשובה א דאנק די הייליגע דיבורים וואס זענען א נצחית, דער הייליגער קול וואס איז עדיין מצלצלת באזנינו...**

ווי אויך קען מען דארטן הערן הערן א לאנגע רייע פון גאר אינטהאלטסרייכע דרשות, ווי אויך אנדערע וויכטיגע דרשות בדברים העומדים על הפרק, מזמן לזמן ווערן דארט אויך באריכטעט אקטועלע נייעס איבער די פילע מערכות און אַקטיוויטעטן פון נטרונא.



# אפס בלתך... ואין דומה

## • אפס בלתך גואלינו •

דער סאמע קלימאקס אין די מערכת הקודש פון "נטרונא" אין דעם געביט פון פרסום וחיזוק ביסודות האמונה איז דער נייער וואונדערבארן ספר "אפס בלתך גואלינו", וואס איז ערשינען אין די לעצטע חדשים, דער ספר איז א מעשה אומנות נפלאה וואס ממש "לא נראה בדוגמתו" במלא מובן המילה. דער ספר ענטהאלט אין זיך א ליקוטים נפלאים פון דברי חכמינו ז"ל וספרי הראשונים וקדמונים און מספרן של צדיקים פון די דורות אחרונים, ממש א אינצוקלופידא אויפן ענין פון גזירת הגלות והגאולה, חומר האיסור פון דחיקת הקץ, חומר האיסור פון עליה בחומה, חומר האיסור פון מרידה באומות, פרישע מראי מקומות און גילוים חדשים שלא שזפתן העין, די פילע איסורים פון מלחמות שלא ע"פ תורה, קבלת עול הגלות און חיוב הכנעה בזמן הגלות, די הארבקייט פון עבירות אין ארץ ישראל, עומק כפירת הציונות, ועוד ועוד. אין דעם ספר איז אויך דא א שלל פון אומבאוויסטע מראי' מקומות אין די אלע ענינים און פיל מער.

### מודים דרבנן

דער ספר איז באצירט מיט גאר הערליכע הסכמות פון גדולי ישראל וואס זענען מפליא דעם וואונדערליכן היקף וואס דער ספר האט אין זיך, צוגעבענדיג דערביי דברי חיזוק פאר די אלע אנדערע אלגעמיינע וויכטיגע אונטערנעמונגען פון נטרונא.

ווי ריכטיג האט זיך א תלמיד חכם מופלג אויסגעדרוקט: דער ספר נעמט אוועק די בחירה פון האבן דאס מינדעסטע שייכות מיט ציונות ואביזרייהו...

אויך פשוטע המון עם האבן זיך אויסגעדריקט אז דער ספר האט געעפנט פאר זיי א נייע וועלט, אז דער גזירת

הגלות איז א פלאן משׁשת ימי בראשית, מכבשונו של עולם, און ס'איז א בלו-פרינט פונעם מלך ישראל וגואלו...

מיר האבן אויך באקומען גריסען פון מבקשי אמת, פון אנדערע קרייזן אז דורך דעם ספר זעהט מען באשיינפערליך אז שיטתו פון "סאטמאר רב" איז נישט קיין חידושים נאר פשטות האמונה.

## חדשים לבקרים

די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש פון "נטרונא" ארבעטן איצט אויך אויף דעם זעלבן סארט ספר אין אן ענגלישן פארמאט.

...דער ספר נעמט אוועק די בחירה פון האבן דאס מינדעסטע שייכות מיט ציונות ואביזרייהו... דער ספר האט געעפנט פאר זיי א נייע וועלט, אז דער גזירת הגלות איז א פלאן משׁשת ימי בראשית, מכבשונו של עולם, און ס'איז א בלו-פרינט פונעם מלך ישראל וגואלו.... דורך דעם ספר זעהט מען באשיינפערליך אז שיטתו פון "סאטמאר רב" איז נישט קיין חידושים נאר פשטות האמונה...!

ורובם אין די כפירה'דיגן ציוניסטישע אידעלאגיע, און זיי ברענגען אריין דעם רעל המינות אין די לייענער אויף גאר א שטארקן פארנעם, און די אומוויסענדע מאסן האבן נישט פאר זיך א "קעגן-ספר" אויף ענגליש וואס זאל זיין כשולחן הערוך המוכן לפניהם מסודר בטוב טעם ודעת מיט א פולשטענדיגן ליקוט פון אלע יסודות אין תנ"ך און דברי חז"ל און פון די אלע שפעטערדיגע צדיקים אמיתיים, און אפילו וואס ווילן שוין יא הערן דעם אמת ווערן אבער פארפלייצט און דערטרינקען אין די מים הזידונים פון די אלע מסלפים.

דעריבער איז צום האפן

ביי די שיכטן און קרייזן וואס זענען רגיל אין דעם ענגלישן שפראך איז דער נחיצות פון אזא ספר אלף פעמים ככה, צוליב דעם וואס עס קומען ארויס כסדר חדשים לבקרים (...טאקע פון רועי בקר) ענגלישע ביכער פון השקפה און ליקוטים וואס ממש כולם כאחד זענען פארכאפט ראשם

און צום ערווארטן אז דער ביכל אויף ענגליש וועט זיין כמים קרים על נפש עיפה, און פאר אלעמאל אראפלייגען שיטתו הק' פון מרן רביה"ק פון אלף ביז א' ביז ת', בעז"ה וועט עס האבן די ריכטיגע השפעה אויף די אלע צענדליגער טויזענטער אידן.




# המערכה נגד הבחירות

## • האתה עומד לצבוע •

א ערליכער צווייג אין די הייליגע אונטערנעמונגען פון "נטרונא" איז די שטארקע מערכה וואס איז אונטערגענומען געווארן בעפאר די בחירות צום כנסת המינים בשנת תשס"ו, ווען אזויפיל צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער שליסן זיך און ווערן נאכאמאל א אינטעגראלער טייל פונעם מלכות המינות, העברה על השבועות, מרידה באומות, און אלע שמדיות רח"ל וכו' וכו'.

דאן האט נטרונא ארויסגעגעבן א ספעציעלן גאר וויכטיגן קונטרס מיטן נאמען **"יהודי יקר! האתה עומד לצבוע"** וועלכער איז א ליכטיגער שיין אין די פינסטערניש, דער קונטרס האט ב"ה אויפגעעפנט די אויגן פון אומצאליגע אומשולדיגע אידן, וואס האבן זיך דארט באגעגנט מיט גאר שוידערליכע פאקטן וואס איז געווען באגלייט דאקומענטאריש איבערן דעם ריכטיגן שותפות אין די עבודה זרה, גילוי עריות און שפ"ד וואס די חברי הכנסת טראגן וואס זיי זענען די פארטרעטער פון זייערע שלוחים וועלכע האבן זיי ערוועלט צום מלכות המינות. אז מ'קוקט אריין אין דעם קונטרס ווערט קלאר, אז אפי' די גדולים וואס האבן מתיר געווען די בחירות רח"ל, וואלטן געוויסט אט די אמת'דיגע פאקטן, עד היכן הדברים מגיעין, וואלטן זיי אוודאי נישט מתיר געווען די בחירות הטמאה.

**אין דעם קונטרס ווערט קלאר, אז אפי' די גדולים וואס האבן מתיר געווען די בחירות רח"ל, וואלטן געוויסט אט די אמת'דיגע פאקטן... וואלטן זיי אוודאי נישט מתיר געווען די בחירות הטמאה...**

דער קונטרס איז צושפרייט געווארן אין צענדליגער טויזנטער עקזעמפלארן איבערן גאנצן לאנד מדן ועד באר שבע און האט געהאט א הילכיגן אפקלאנג וואס האט פיל אויפגעשאקלט די ערליכע אידן וואס זענען כאטש מבקשי האמת.




# יום העצמאות

## • ה׳ אייר בלעטלעך •

א טייל פון נטרונא'ס ארבעט צווישן דעם אידענטום, איז לפקוח עיניים עוורים, אויפצוקלערן אידן וועלכע זענען נישט אויפגעוואקסן אין היימישע מקומות איבער דעם איסור און אומגליק פון ציונות, איז אין די פארגאנגענע יארן, ה' אייר געדרוקט געווארן אין א הערליכע אויסלאגע בלעטלעך מיט מאמרים פון גדולי ישראל איבער דעם איסור חמור פון די פאלשע גאולה און התגרות באומות, און די געפערליכע סכנות וואס עס ברענגט פארן כלל ישראל.

די בלעטלעך האבן ב"ה געברענגט א געפערליכן שטורעם אין פארשידענע אמעריקאנער שולן. אין די פלעצער וואו מ'פראוועט ליידער דעם יום המר והנמהר אלס פרייליכער טאג, **האט דאס צושטערט די שמחה און געברענגט אן ערנסטער פאלעמיק צווישן די מתפללים לשמחה מה זו עושה?** זיי האבן אנגעהויבן זיך צו טענה'ן צי עס איז דא מיט וואס זיך צו פרייען, אדער עס איז גאר אן אומגליק, און פון געוויסע שולן איז געקומען גריסן אז היי-יאר האבן זיי צוליב דעם רושם פון די בלעטלעך נישט געמאכט קיין ה' אייר חינגא.

**האט דאס... צושטערט די שמחה און געברענגט אן ערנסטער פאלעמיק צווישן די מתפללים לשמחה מה זו עושה?**

זינט דאן קומען ביטעס פון פילע יחידים, און אויך עטליכע שולן, וועלכע פארלאנגן מער מאטריאל. אסאך זענען שוין אין די קורצע צייט איבערצייגט געווארן אז די מדינה הציונית איז אן אבן נגף פאר כלל ישראל. **געוויסע זענען אין שטענדיגע פארבינדונג מיט נטרונא, פארלאנגנדיג ספרים און שיקן אריבער זייערע וויכוחים מיט זייערע באקאנטע און פארלאנגן תשובות.**




# מהנעשה והנשמע

## • נאטיצן פון נטרונא •

א הערליכער צווייג אין די הייליגע אונטערנעמונגען פון "נטרונא" איז די רעגלמעסיגע באריכטן פאר אחים לדעה איבער די כסדר'דיגע אקטיוויטעטן, וואס דער ציבור האט ב"ה אויפגענומען מיט גרויס צופרידנהייט, דאס ווערט צוגעשיקט עלעקטעראניש דורך 'נטרונא' צו די וואס ווילן מיטהאלטן די פעולות, און הערן פון די לעצטערע אנטוויקלונגען.

במשך די עקזיסטענץ פון נטרונא האט מען ב"ה גענאסן פון די הילף פון טויזנטער אחים לדעה, וועלכע אנערקענען די וויכטיקייט מפרסם צו זיין פאר אידן און פאר די אומות העולם די ריכטיגע דעת תורה, אויפן פארזיכטיגן און אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הק' זי"ע, לויט די הוראות פון זיינע געטרייע תלמידים בעלי השקפה. די הנהלה האט איינגעזען אלס שטארקער נחיצות אז מ'זאל זיין אין פארבינדונג מיט די שותפים, וואס די אלע פעולות איז נאר ערמעגליכט געווארן אדאנק זייער שטיצע.

די רעגלמעסיגע באריכטן - וואס ווערט צוגעשיקט עלעקטעראניש - שטעלן צו פאקטן, ווי אויסצוגן פון בריוו אויסטוישן, קאפיס פון באריכטן אין צייטונגען וכדומה, און אנדערע אינטערעסאנטע באריכטן פון די נטרונא פעולות. אויך איז דארט דא אקטועלע נייעסן איבער דברים העומדים על הפרק, ווי אזוי די ציונים און די פרומע גיסן ליידער אויל צום פייער פון אנטיסעמיטיזם מיט זייערע שריט, און די וויכטיקייט עס אפצושלאגן.

**די מיטגלידער זענען צופרידן מיטצוהאלטן דעם פאקט וואס מ'זעט יעדן טאג, אז מיטן גיין אויפן אויסגעטרעטענעם וועג קומט מען אסאך אן,** די באריכטן ברענגען אויך א התעוררות ביי די מיטגלידער צו צושטיין די ארגאניזאציע מיט שטיצע און הילף, מ'זאל קענען פארמערן די קריטישע פעולות וועלכע ברענגען שטוינענדע רעזולטאטן.

# קבל עולם ומלואה

## למה יאמרו בעמים

אצינד צום צווייטן טייל פון די הייליגע אונטערנעמונג וועלכע גיבט זיך אפ מיטן געוואלדיגן ענין פון קידוש שם שמים לעיני תבל ומלואה, כדעת ורצון קדשו פון מרן רבינו הק' זי"ע, מפרסם זיין איבער די גאנצע וועלט מיט אלע מעגליכקייטן און יכולת וואס איז שייך אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל, און די שרעקליכע שנאת ישראל וואס זיי האבן אנגעזייעט איבער מקצה העולם ועד קצהו זאל נישט ח"ו אנגעטייטלט ווערן אויפן ערליכן ארטאדאקסישן אידענטום.

## מי נתן ישראל לבוזזים

דער גבור הצלת ישראל הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל האט שוין מיט זעכציג יאר צוריק דאס באוויינט אין זיין עפענטליכן הארץ רייסענדען קול קורא, ווי ער רופט די אידישע אגענטור צו ענטפערן אויף די הארבע פראגעס, ער באוויינט דעם פרישן אומגליק וואס די ציונים ברענגען אויף כלל ישראל אז זיי רייצן זיך מיט די אראבער און מיט ענגלאנד, מי יודע וויפיל אנטיסעמיטיזם דא וועט ברענגען, זיי קענען חלילה גורם זיין א וועלט קריג, פארוואס זאלן אידן זיי לאזן פארגיסן אידיש בלוט צוליב א מדינה פאר ביאת המשיח.

אין יענע תקופה ווען אמעריקא האט געהאט צוריק געצויגן פון שטיצן די מדינה פלאן, שרייעט רבי מיכאל בער און וויינט:

**וואס טוען אצינד די אידישע פירער? דאס זעלבע וואס זיי האבן מיט זייערע העצערייען געמאכט פונעם פירער פון דייטשלאנד, א רשע וואס אזוינס ווי ער איז נאך נישט געווען: דאס זעלבע וואס זיי האבן געמאכט פון די בריטישע רעגירונג, א מלכות ביד חזקה קעגן אידן, דאס זעלבע וואס זיי האבן געמאכט פון די אראבער, שונאים פון אידן, דאס ווילן זיי איצט מאכן אויף אין אמעריקע פון זייערע טומלערייען. אין א צייט וואס אמעריקע האט מורא פון א דריטע וועלט קריג, אין א צייט ווען אמעריקע שטייט פאר פרעזידענט וואהלן, זענען זיי עלול צו מאכן פון די אמעריקאנער מושלים, שונאי ישראל ח"ו אויב מען וועט זיי לאזן... עכל"ק.**

## חרדישע אידן... כמטרה לחץ רח"ל

אט דער העליש פייער ברענט און פלאקערט א דאנק דעם ממשלת הכופרים, דאס אנטיסעמיטיזם איז אויפן העכסטן גראד, און ווער איז שולדיג דערין, די חרדישע ארטאדאקסישע ארגאניזאציעס, וואס שטעלן זיך דאס מערסטע ארויס מיט זייער פראוואקאצירנדע שלימות הארץ קאמפיינען, ווי זיי קעמפן און פראפאגאנדירן אז מען

זאל נישט נאכגעבן און שלו' מאכן מיט קיינעם, זיי גיסן צו אויל צו דעם שרעקליכן פייער אויף א אומגעהויערן פארנעם, ביי פאלנע גוים און אוודאי פאליטישנ'ס ווערט געשאפן א פחד פון א בילד, אז די חרדישע אידן זענען שולדיג אין אלע פראבלעמען אינעם מיטל מזרח, און זענען די גרעסטע טראבל מעקער'ס רח"ל.

בלויז א דוגמא דערצו: אין די לעצטע וואכן טומלט זיך אין די אידישע וועלט איבער די שלום פארהאנדלונגען צווישן די ציונים מיט די פאלעסטינער, וואס די אמעריקאנער רעגירונג פלאנט אצינד. לחרפתינו ולבשתינו הערט מען די פראטעסט געשרייען פון פילע רעליגיעזע פירער און פארטייען וועלכע פראטעסטירן קעגן די אמעריקאנער שלו' פלענער וועלכע וועלן עווענטועל צווינגען די מדינה זאל צוריק געבן דער מערב ברעג און דעם אראבישן טייל פון מזרח ירושלים פאר די פאלעסטינער, ווי אויך אז זיי זאלן זיך טיילן מיט די הערשאפט אויפן הר הבית.

> **די פארגאנגאנע וואכן איז פארעפטנליכט געווארן אן אפענע דראאונגס בריוו פון געוויסע רבנים צו פרעזידענט בוש יר"ה, אין וועלכן זיי דראען אים אז אמעריקע וועט טייער באצאלן אויב זי וועט דרוקן די ציונים פאר דעם שלום פלאן... זיי ווארנען שוין אז די גרויסע וואלד פייערן וואס זענען פארגעקומען אין קאליפארניע זענען אויך געווען אן עונש פאר די אמעריקאנער שלום פלענער און זיי דראען אמעריקע מיט פרישע עונשים פאר אויפגעברענגן די שלום פלענער...**

די פארגאנגאנע וואכן איז פארעפטנליכט געווארן אן אפענע דראאונגס בריוו פון געוויסע רבנים צו פרעזידענט בוש יר"ה, אין וועלכן זיי דראען אים אז אמעריקע וועט טייער באצאלן אויב זי וועט דרוקן די ציונים פאר דעם שלום פלאן, פונקט ווי אמעריקע האט געליטן פאר דריי יאר צוריק פון די פארפלייצונג פונעם הארריקען קאטרינא, נאך דעם וואס די ציונים האבן געמוזט אויפגעבן עזה. און זיי ווארנען שוין אז די גרויסע וואלד פייערן וואס זענען פארגעקומען אין קאליפארניע זענען אויך געווען אן עונש פאר די אמעריקאנער שלום פלענער און זיי דראען אמעריקע מיט פרישע עונשים פאר אויפגעברענגן די שלום פלענער.

אויף דעם עפענטליכן בריוו האבן גע'חתמ'ט מערערע ציוניסטישע רע-בנים וועלכע הייצן שפילן זיך ליידער מיט פייער. וואס טוען זיי דערמיט זיי צינדן אונטער דאס אנטיסעמיזים פון גוים קעגן חרדי'שע אידן, מיט זייערע העסליכע דראאונגען קעגן אמעריקע.

נישט בלויז אין די מוסולמענישע וועלט איז אנגעצינדן געווארן פון דעם העלישן פייער, עס איז אין די גאנצע פרייע וועלט און אין די מערב לענדער וועלכע דער סטאטיסטיק וויזט ליידער בעוה"ר אז רובא דרובא גוים האלטן אז דער גרעסטער פראבלעם וואס באדראעט די וועלט איז די מדינה הציונית.

עס איז אינטערסאנט בלויז צו ציטירן א קורצער איבערזעצונג פון אן ארטיקל אין "דזשערוסאלעם פאוסט" (הודאת בעל דין כמאה עדים) פארגאנגענעם זומער (בערך פ' שלח) ווי דער רעדאקטאר הארוויץ טענה'ט:

**די וועלט ווערט געפיטערט טראפן ווייז מיט די גיפטיגע באהויפטונג, אז אויב נישט צוליב מדינת ישראל וואלט די וועלט געווען פרידליך, א הארמאנישע געזעלשאפט פון פעלקער וואס לעבן אין רואיגקייט איינס לעבן צווייטן, רעספעקטירנדיג דיפערענצן און אויסארבעטנדיג מיסטפארשטענדענישן אין א גייסט פון קאמפראמיס. ווען נישט די מדינה, דער ביין אין דעם איסלאמישן האלז... א גרויסער טייל פון די וועלט קויפט די דאזיגע באהויפטונג.**

וואו קענען מיר אצינד שטיין גלייכגילטיג, יעדער איד וואלט דאך געברויכט טוען כל מה שיבכלתו מסיר צו זיין דעם שרעקליכן חרון אף כלפי האומות און כלפי שמיא, וואו קענען מיר שלאפן רואיג, לא עת לחשות!

## שומרים הפקד לעירך

ברוך שמסר עולמו לשומרים! געלויבט השי"ת אז אונז האב מיר די הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא" וועלכע טוט ערפילן דעם הייליגן פליכט פונעם יהדות החרדית, זיי לאזן הערן די שטימע פונעם ערליכן אידענטום פאר די אלגעמיינע וועלט, און טוען זיך אפטרייסלען פון די אומפאראנטווארטליכע העצררייען פון די רעליגעזע ארגאניזאציעס אין ארץ ישראל און אין אמעריקע, מיט אלע כוחות ארבעט מען כפי הוראות ובעקבות רבותינו הק' צו דערשטיקן און מינימיזירן דעם אנטיסעמיזים וואס וואקסט איבער די וועלט א דאנק די ציונים, נטרונא גייט אין די הייליגע פיס טריט פון הגאון רבי מיכאל בער זצ"ל וועלכער האט בשעתו בעת הקמת המדינה פרובירט פארצושטעלן פאר די אומות העולם וואס ס'איז דער אמת'ער דעת תורה קעגן די גרינדונג פון א אידישע מדינה וואס איז מסכן כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות.

**...מיט אלע כוחות ארבעט מען כפי הוראות ובעקבות רבותינו הק' צו דערשטיקן און מינימיזירן דעם אנטיסעמיזים וואס וואקסט איבער די וועלט א דאנק די ציונים...**

זיי דעקלאַרירן אַז אידן זענען געטרייע בירגער יעדער פאַר זיין רעגירונג. אידן טשעפענען זיך נישט מיט קיין שום אומה אויף דער וועלט נישט אהער און נישט אהין. אידן האבן אויף זיך א פליכט צו מקיים זיין דעם "למה תתראו". אידן טארן זיך נישט ארויסהייבן אויף קיין שום פאל, און מיט קיין שום רודערנישן. אידן לאזן נישט הערן פון זיך קיין שום לאזונגען קעגן סיי וועלכע גוי'אישע אומה בכלל אן אויסנאם וויאזוי עס זאל זיך נישט אויסשטעלן - נאר איין זאך: "נטרונא", ווארטן און האפן ביז השי"ת וועט אונז ארויסהייבן מיט די גאולה שלמה במהרה בימינו.

## די הצלחה פון די דעמאנסטראציעס:

ווי דערמאנט איז נטרונא" געגרינדעט געווארן, ווען זיי האבן געזען די נאכווייען אז ווען מען גייט שוין יא אויף פראטעסטן ברחובה של עיר, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מען זאל דערמיט אויסשרייען פאר די אומות אז תורה אידן מיט ציונות האבן קיין פארבינדונג, איז אבער דער עיקר מטרה נישט דערגרייכט געווארן... פשוט ווייל עס איז נישט געווען קיין נומער... אדרעס... אָדער אַנדערער אָרט... וואו זיך צו פארבינדן.

היינט צוטאגס וועט איר זען די טאוולען ביי יעדן פראטעסט (אַזוי ווי ביי די לעצטעערע עטליכע דעמאנסטראציעס וואָס איז נאָרוואָס אָפּגעהאַלטן געוואָרן) וועלכע שרייבט אונטער יעדע לאזונג דעם נאמען פון נטרונא אויף ענגליש מיט זייער "עלעקטראָנישער אדרעס", וואס ווען דער פאראינטערסירטער גוי אדער פארבלאנזשעטער




איד וועט נאר איינמאל כאפן א בליק דערויף וועט זיך אים עפענען א וועלט...

דערצו לייגט אריין דער אפיס פון נטרונא אומגעהויערע כוחות בעפאר די דעמאנסטראציעס אז דאס זאל דערגרייכן צו די צייטונגען, הן מיטן איינלאדענען די רעפארטער'ס אז יעדער זאל וויסן דערפון און ווי ווייט מעגליך אז דאס זאל באקומען א שטיקל פרסום איבער די וועלט.

דער אפיס פון נטרונא ווירבלט מיט כח און מח, צייט און געלט, צו שטיין בראש מערכות ישראל, אנגעהויבן מיטן צושטעלן די נויטיגע סיינ'ס און טאוולען וואס זאל איבערגעבן דעם ריכטיגן מעסעדזש פאר די או"ה, צוגרייטן און פארשפרייטן א פראפעסיאנאלן "פרעס רעליס" וואס זאל ארויסברענגען דעם ווי געשריי פונעם יהדות החרדית איבער די ביטערע גזירות רעות וואס זענען גוזר אויפן שארית הפליטה בארה"ק, אין א שטארקן שריט אינעם הייליגן קאמף לעזרת ד' בגבורים טוט נטרונא פארעפענטליכן איבער דער גארער וועלט די שוידערליכע בילדער ווי די ציוניסטישע "משטרה" טוען באהאנדלען מיט זייער סאדיסטישע אכזריות אונזערע טייערע ברודער הנאנחים והנאנקים בשבי הציוני, נטרונא צאלט ספעציעלע געלטער צו פילמירירן די דעמאנסטראציעס וועלכע ווערט נאכדעם צושפרייט אויפן שטערקסטן פארנעם און דוקא דאס ברענגט א פועל יוצא און פאזיטיווע תוצאות וואס טוט אביסל אראפקלאפן דעם געמיט פון דעם שלטון הכופרים עס זאל זיי פארגיין דעם אפעטיט זיך צו שלאגן מיטן ערליכן אידנעטום, א דאנק אט די דעמאנסטראציעס טוען זיי אפאטעמען און דערלייכטערט ווערן אביסל פון די ביטערע רוצחים.



# ונודעתי לעיני הגוים

## • וועב-זייטל •

ערליכע אידן ווייסן זייער גוט אז "אינטערנעט" איז אסור, עס איז ליידער אן אבי אבות הטומאה וואס רבים חללים הפילה בעוה"ר, עס איז א ביטערער אומגליק דער גאנצער אויפטרעף וואס מיר ווייסן און באגרייפן נישט ווי שעדליך דאס איז פאר אידישע קינדער.

דער היינטיגער "אינטערנעט" טוט אנטהאלטן אין זיך דער גאנצער וועזן פונעם גוי, אנגעהויבן פון זיין צייטונג, זיין טעלעוויזיע, זיין ראדיא... עס איז נישט דא קיין שום פראמינענטע קאמפאניע, דעה אידיעלאגיע, וואס האט נישט קיין אדדרעססע, אן דעם הייבט זיך גארנישט אן.

אבער געווי ווי יעדער איד פארשטייט און באגרייפט אז ווען רביה"ק זי"ע האט באפוילן ארייצולייגן א רעקלאמע אין די ניו יארק טיימס, האט ער גאר שטארק באגריפן דעם גרויסן חורבן אז אידן זאלן ח"ו ליינען די טמא'נע גויאישע צייטונגען וואס איז נידעריג שבנידעריג און געמיין שבגעמיין כגרועים שבאומות, אדער ווען דער רבי האט שטארק חשק געהאט אז מען זאל מפרסם זיין אויף די ראדיא דער קאמפראמיסלאזער שטעלונג פונעם יהדות החרדית האט רביה"ק זיך נישט אוועקגערירט פון זיין שטעלונג דאס געפאר אז אידן זאלן זיך צובינדן צו די ראדיא ווי ער דערמאנט דאס בספרו הק' על הגאולה ועל התמורה.

אויב ווען מען האט געמוזט ארייליגן בלויז איין רעקלאמע האט דאס אפגעקאסט גאנצע טעג פון ארומגיין שנארן שווערע סכומים אין די בתי מדרשים - וואס גלייכצייטיג איז א דבר פשוט אז פאר ערליכע אידן זענען אויך די גויא'ישע צייטונגען, ראדיא און ווער רעדט נאָך טעלעוויזיע טריפה ווי חזיר, אבער פונדעסטוועגן האט מען ארייגעלייגט די מודעות פאר די גוי'אישע וועלט אדער פאר די פארבלאנזשעטע אידעלעך בכל כנפות הארץ - קען מען היינט מיטן אויפשטעלן א וועבזייטל פיל מער אנקומען.

אויב אזא רעקלאמע אין די אויבנדערמאנטע מידיא האט נישט געקענט פארנעמען מער ווי אייניגע שורות, ווייל

צופיל האט מען נישט געקענט אריינלייגן צוליב מאנגל אין געלט, און מען האָט געמוזט וויסן דאס בעסטע וואס אויסצוקלייבן צווישן די וויכטיגסטע פונקטן, ווערט אבער היינט צוטאגס מיטן אויפשטעלן אזא ספעציעלן "וועבסייט" פיל מער "דעליווערט" פארן ליינער. זיי קענען האָבן גאַנצע צייטונגען ביי די האַנט, אויב זיי זענען אינטערעסירט צו וויסן.

## לא נפל דבר מדבריו הק' ארצה

ווי אינטערסאנט איז צוצייכענען וואס מיר האבן שוין פריער דערמאנט וואס רביה"ק האט געשריבן דאן ביי די דעמאנסטראציע שנת תש"ח ווי דער רבי ברענגט אויף בתוה"ד אז:

**...ואפשר להכין מכונה שיודפסו כל הדברים הנאמרים בראדיא, ולעשות אח"כ מזה עוד אלפים מכתבים לשלחם על אדרעסין שונים בכל המדינה. ואולי גם זה הוא דרך כי א"א לעשות דעמאנסטראציע בכל עת...**

אט די ערפינדונג איז צושטאנד געקומען מיטן נייעם אויפטרעף פונעם "וועב סייט" וועלכער איז א דרך חדש ווי מען קען צעשיקן יעדן פראטעסט אויף טויזנטער און מיליאנען אדרעסן איבער די גאנצע וועלט און באקומט א אומגעהויערן פרסום עצום וואס האט א ווייט גרייכנדע השפעה.

**...דער וועב-זייטל איז שוין געווארן באזוכט דורך "העכער זיבן מיליאן מענטשן", וואס דאס איז דער ציל פארוואס דער סייט איז פון די סאמע ערשטע פון מיליאנער אנדערע סייטס איבער די וועלט וועלכע רעדן פון אידן...**

אין די וועבסייט פון נטרונא איז אריינגעלייגט געווארן אומגעהויערע כוחות, און איר סוקסעס איז בעזהשי"ת העכער אלע ערוואטונגען. איר רייכער אינהאלט גיט אן די פונקטליכער היסטאריע פון די קאמפראמיסלאזע מלחמה וואס די תורה טרייע אידן פירן מיט ציוניזם, וואס ווערט צוגעשטעלט דורך א געלונגענעם שטאב פון פארטרויליכע מענטשן תלמידי חכמים ובעלי דעת והשקפה ברורה אויפן ריכטיג צוגאנג, ווען אלעס ווערט באגלייט מיט א קלארן דאקומענטארישען בליק.

עס ווערן געוויזן און באשריבן אלע פראטעסט מיט דרשות, אלע מיינונגען פון די גדולי ישראל אין אלע דורות אקעגן ציונ'יזם, און נאך און נאך, וועלכע דער גוי האט וואס צו דענקן, און ער קען ריכטיג זעהן דעם ריינעם אמת לאמיתו, און נישט ווערן פארגלייבט פון די בלויז ציוני'סטישע פראפאגאנדע... דאס העלפט ארויס קעגן דעם ביטערן אנטיסעמיטיזם וועלכע עס ווערט אנגעזייט דורך די איזראעליס, וועלכע זענען "מהדר" פיל מער פון אלע "שיעורים" אז דער גוי זאל מקיים זיין דער "הלכה בידוע שעשו ששונא ליעקב" מיט א "שמיץ אריבער".

## זיבן מיליאן באזוכער

דער וועב-זייטל איז שוין געווארן באזוכט דורך "העכער זיבן מיליאן מענטשן", וואס דאס איז דער ציל פארוואס דער סייט איז פון די סאמע ערשטע פון מיליאנער אנדערע סייטס איבער די וועלט וועלכע רעדן פון אידן (מען קען זיך עס אַליין איבערצייגן דורך זוכן דאָס וואָרט "אידן" און זען ווי הויך זיי קומען אַרויס). און ווען א אויפגעברוזיזטער גוי כאפט בליק דערין, אדער א נעבעכדיגער איד וועלכע ווייסט נישט קיין "בחייכון" ווערט געוואויר דעם אינהאלט (נישט קיין להכעיס'ניק), באקומט ער אן אנדערער בליק, און ער ווערט גלייך פאראינטערסירט, און די בעסטע אנווייזונגען איבער די נייגעריגקייט און קלארקייט וואס דער סייט האט ארויסגערופן איז אט די פארשידענע אימעילס וועלכע זיין באקומען לטוב ולרע... וועלכע עס איז נישט דער פלאץ אראפצוברענגען "כי רבים הם"...

נאך מער! "נטרונא" האט אונטער איר באזיץ א ליסטע פון נייעס אגענטורן וועלכע האבען געטוישט זייער מיינונג וועגן אידן לטובה, ווען אנדערע האבען כאטש געטוישט אויף אזויפיל אז אנשטאט רעדן פון אידן דערמאנען זיי בלויז ציונ'יזם וכדומה ווען זיי רייסן אַרונטער די מדינה, ווען עס דערקענט זיך אז זיי פארשטייען קלאר דעם חילוק.

**דער "סייט" פיגורירט אלס איינע פון די סאמע "מאסט אינטשערסטעד" (מערסטע אינטערסאנט) פון אנדערע מיליאנען סייטס וועלכע רעדן וועגן אידן,** ווען מיליאנען מענטשן פון די גאנצע וועלט זענען א דאנק זיי געוואויר געווארן פון אזא זאך אז אידן מיט די איזראעלישע רעגירונג האבן נישט קיין שום שייכות - **ציוניזם מיט תורה גייט נישט צוזאמען!**

## מדי יום ביומו

לעבענדיג היינט אין א שווערן מצב ווען טאג טעגליך ווערן אנטוויקלט פרישע נייעס איבער די מדינה און איר פאליטיק, איז איינס פון די שווערע קאמפליצירטע עבודת הקודש צו רעאגירן כמעט טאג טעגליך די ריכטיגע און קלארע השקפה און געבן דעם אידישן בליק איבער די נייעס'ן.

דאס איז פון די עבודות הקשות שבמקדש פאר וועלכע מען ברויך אויפהאלטן טאג טעגליך א שטאב וואס זאל עוסק זיין דערין, דער שטאב שטייט אין פארבינדונג מיט חשובע רבנים מובהקים שליט"א און מען שמועסט זיך אדורך איבער יעדן ענין, וואס און וויאזוי צו ענטפערן, דאס איז זייער וויכטיג כדי עס זאל נישט ווערן א צומישעניש און בלבולי מוחות וואס פאסירט זייער אפט ביי יעדע פרישע איבערקערעניש, התגרות באומות, מלחמה, צרה, טעראר אקציע, נצחונות,




| Month | Page Views | Visits | Hits | Bandwidth (KB) |
|---|---|---|---|---|
| March, 2006 | 50,961 | 37,030 | 701,549 | 8,813,724 |
| April, 2006 | 64,906 | 61,738 | 1,074,029 | 15,454,333 |
| May, 2006 | 79,709 | 73,700 | 1,347,713 | 20,041,810 |
| June, 2006 | 56,161 | 47,382 | 773,725 | 12,964,480 |
| July, 2006 | 104,127 | 75,134 | 1,831,950 | 32,601,715 |
| August, 2006 | 129,680 | 93,275 | 2,405,368 | 42,351,929 |
| September, 2006 | 85,435 | 66,157 | 1,400,336 | 20,632,860 |
| October, 2006 | 91,923 | 61,645 | 1,105,889 | 17,097,691 |
| Total(s) | 662,902 | 516,061 | 10,640,559 | 169,958,541 |
| Average(s) | 82,862 | 64,507 | 1,330,069 | 21,244,818 |

סטאטיסטיקס פונעם זייטל

**וכדו', נטרונא שטיין על המשמר, און ראגירט מדי יום ביומו א קלאר'ן תורה'דיג בליק אויפ'ן הוויות העולם...די נייעס העומד על הפרק, אט דער פראיעקט בפ"ע איז גאר קאסטבאר וואס ציעט אריין אין אומגעהויערע הוצאות.**

**פאר לשה"ק ליינער**, אין די לעצטערע חדשים איז בהוראת הרבנים הגאונים שליט"א אונטערגענומען געווארן א נייעם פראיעקט צו שאפן א באזונדערן אפטיילונג און פרישער סייט פון נטרונא פאר די אומצאליגע טויזנטער אידן וואס ליינען נאר לשה"ק וכדו' אדער זייער טמא'נע שפראך און זענען נישט באהאווענט אין ענגליש, דאס איז געקומען נאך א גרויסן פארלאנג וואס איז אריינגעקומען פון אידן איבער דער גארער וועלט וואס זענען געווען אינטערסירט צו שטיין אין פארבינדונג מיט נטרונא, הערן זייער מיינוג, און זיי ווילן זיך אדורכשמועסן און פרעגן פראגעס וכדו' אזוי ווי עס איז צוגעשטעלט אויף ענגליש אינעם אפטיילונג "עסק די ראביי", און צושטעלן דעם באזיץ פון חומר איבער די אלע ענינים. עס איז שוין אוועקגעשטעלט געווארן א גרויסע עבודה ווי מען קען צוקומען צו א גרויסע רייע פון מאמרים ובירורים איבער די אלע ענינים, צוגעשטעלט מיט א ספעציעלן סדר אז אויף וועלכן ענין מען זוכט קען מען טרעפן אן ענטפער, א מקור צו די אלע איסורים חמורים וכדו', עס איז איינגעשטעלט דער גאנצער ספר "אפס בלתך גואלינו", מיט נאך א לאנגע רייע מיט מאמרי חז"ל און ראשונים ואחרונים איבער די אלע יסודות'דיגע ענינים וואס זענען פוקח עיני העיורים ממחנה העברים..

א באזונדער עבודה איז אין דעם אפטיילונג וויבאלד א גרויסער טייל פון תמימות'דיגע אידן וואס ווערן געפיטערט פון די ציוניסטישע פראפאגאנדע און זייערע העברעישע צייטונגען און הערן נישט קיין שום רעאקציע דערויף וואס זאל דאס אפענטפערן און זיי אויפקלערן דערויף, דערפאר לייגט אריין נטרונא א גרויסע עבודה און אין דעם זעלבן פארמאט וואס עס ווערט געמאלדן די נייעס אין ענגליש און די קאמענטארן דערויף פונעם ערליכן אידענטום, אויפן זעלבן שטייגער איז דאס צוגעשטעלט אין לשה"ק, וואס דאס אליין איז גאר א שטארקע דערגרייכונג.

## ועל פליטת ספריה"ם

ווי אויך ווערט דורך נטרונא צוגעשטעלט די מעגליכקייט צו קויפן אלע ספרים וואס זענען פארהאן, אין לשון הקודש, אידיש, און ענגליש, וואס זענען באזירט קעגן די ציונים און כפירת הציונות ועוד, אנגעהויבן פון דעם ספה"ק ויואל משה, על הגאולה, תיקון עולם, מן המיצר, און אנדערע ספרי ליקוטים וואס ברענגען די אלע פילע הונדערטער מאמרים ופתגמים פון די פריערדיגע צדיקים איבער די אלע יסודות התורה, ביז די גאר לעצטיגע ביכער וואס זענען פארפאסט געווארן דורך פארשידענע שרייבער וואס ווייזן אויף די פינסטערע פארהוילענע מעשים תעתועים וואס די סאמע גרעסטע פירער פון די ציוניסטישע גרופעס און זייערע מיטהעלפערס האבן געטאן בשעת די צווייטע וועלט מלחמה, נישט בלויז די שב ואל תעשה פאקטן פון נישט וועלן טאן דאס מינדעסטע צו העלפן ראטעווען אידן נאר אויך גאר אויפשוידערנדע פאקטן מיט קלאסיפיצירטע דאקומענטן בנוגע די קום ועשה רוצח'ישע אקטיוויטעטן וואס די רשעי הציונים האבן ממש קאבאלארירט מיט די פארשאלטענע נאציס צוהעלפענדיג אז זיי זאלן קענען אויספירן זייער רציחות איומות אויף די מיליאנען הילפסלאזע אידישע קינדער וואס זענען גע'הרג'ט געווארן מיט מיתות משונות רח"ל. ה' ינקום דמם לעינינו במהרה.



# ספרים ביד הרצים

## • פרעס רעליסעס •

א ספעציעלע הצלחה בעזהשי"ת איז די ווייטגרייכנדע פעולה צו שיקן פרעס רעליסעס רעגלמעסיג. די ווייטגרייכענדע אפקלאנגען איז אסאך מער ווי מען האט זיך גערעכנט.

ווי באקאנט האבן די ציונים א קפידא צו זיין כסדר אין די נייעס מיט חוצפה'דיגע התגרות באומות. דאס איז אויסער זייערע מעשים וואס שטעלן כסדר דעם כלל ישראל אין א סכנה. **די פרעס רעליסעס קומען גאר שטארק צונוץ לקדם פני הרעה, ויפה שעה אחת קודם איידער ס'הייבט זיך אן צו וועבן די געוואלדיגע שנאה און האס, צו ערקלערן און ארויסגעבן א פרעס רעליס און מיט דעם קילן מיר אביסל אפ די ברוויזענדע געפילן.**

כדי דאס שיקן די פרעס רעליסעס זאל זיין ערפאלגרייך און זאל האבן די ריכטיגע רעזולטאטן, זענען מיר געצווינגען צו דינגען א פאבליק רילעישאנס פירמע וואס זאל זיכער מאכן אז דער מעסעזש קומט אן צו די וויכטיגע פלעצער.

מיר זענען נאכגעגאנגען א לענגערע צייט כדי צו ערהאלטן פריוואטע אי מעיל אדרעסן פון פראמינענטע פרעסע לייט און הויכראנגיגע רעגירונגס לייט, וואס דאס אליין איז א פולער אוצר. מיר האבן אין באזיץ פארשידענע בריוו מיט זייערע קאמענטארן. **פאר דעם אליין וואלט זיך געלוינט אונזער גאנצער אונטערנעמונג.**

די פרעס רעליסעס האבן א געוואלדיגע דעקונג ווייל ס'איז א דבר בעתו, די טעמע פון די נייעס פון די דעמאלטסדיגע טאג. מיר האבן ב"ה געווינען די אינטערעסע פון די פראמינענטע נייעס אגענטורן, ווי צב"ש YAHOO און GOOGLE וואס אירע ליינער ציילן זיך אין די מיליאנען, ווי אויך 90 אנדערע וויכטיגע נייעס אגענטורן. אונזערע סטעיטמענטס ווערן אויך געליינט צווישן די פרעזידענטליכע סטעיטמענטס.

ותלי"ת אז דברינו עשתה פירות לטובה – אז מען טוט, העלפט השי"ת. אין די לעצטע תקופה זענען דורכגעלאפן אסאך געפארפולע טעמעס און קריזיסן. מיר זענען געשטאנען על המשמר און עס האט ב"ה געהאט די געוואונטשענע רעזולטאטן.



# קוראי העתי"ם

## • צייטונגען •

איינע פון די שטארקע קאסטבארע פראיעקטן וואס איז שוין עטליכע מאל אדורכגעפירט געווארן איז דאס אריינלייגן עד'ס אין די גרויסע צייטונגען, וואס דאס ווערט אונטערגענומען געווענליך אין א שעת חירום וכדו', ווען מען דערזעהט זיך אין א געפארפולן מצב ווען די רעליגעזע ציונים טוען פראפאגאנדירן פאר זייער שלימות הארץ והתגרות באומות וכדו', אדער ביי אנדערע געלעגנהייטן ווען מען האט זיך דערזעהן אין א ערנסטן פלאנטער, דער חילול ד' שטייגט באופן נורא ומבהיל, דאן איז בעצת הרבנים הגאונים אריינגעלייגט געווארן גרויסע אדווערטייזמענט'ס אין די פראמינענטע פרעסטישפולע צייטונגען ווי עס איז ערקלערט געווארן פאר די אומות העולם שאין אומתינו אומה אלא בתורתה, אז אידישע קינדער זוכן צו לעבן בשלו' ובשלוה מיט אלע אומות העולם, מיר זענען ווייטער מקיים דעם דרשו את שלום העיר.. כי בשלומה יהי' לכם שלו'.

**...ווי עס איז ערקלערט געווארן פאר די אומות העולם שאין אומתינו אומה אלא בתורתה, אז אידישע קינדער זוכן צו לעבן בשלו' ובשלוה מיט אלע אומות העולם, מיר זענען ווייטער מקיים דעם דרשו את שלום העיר.. כי בשלומה יהי' לכם שלו'.**

דורכאויס די יארן איז שוין דריי מאל אריינגעלייגט געווארן עד'ס אין אזעלכע פרעסטיזשפולע צייטונגען ווי די "וואשינגטאן טיימס און דער וואשינגטאן פאוסט וואס ווערט געליינט דורך מיליאנען גוים און בעיקר הויכע פאליטישנ'ס פון די גאנצע וועלט, און האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג איבעראל, וועלכע האט אויסגעצאלט די רבבות דאלארן וואס דאס האט אפגעקאסט.



# והגידו באיים ממרחק

## • ראדיא •

א קלארע מפורש'ע הוראה פון מרן רביה"ק זי"ע איז דא איבער דעם ענין פון פארשפרייטן אויף די ראדיא ווי ער שרייבט דאס ביי יענעם שמועס בשנת תשי"ח (ווי ערוועהנט פריער) אז מען זאל מפרסם זיין די מחאה אין די ראדיא.

נאך מער!

עס דערציילט הרה"ג רבי מאיר שפיטץ שליט"א אבד"ד ביסטריץ אז עס איז אמאל אויסגעקומען ביי א שמועס האט מען פארגעשלאגן דעם רבי'ן אז מען זאל אריינלייגן א מעלדונג אין די ראדיא די מחאה פונעם יהדות החרדית אנטקעגן דעם מלכות המינות, דער רבי האט זיך שטארק געקאכט דערין און האט דעמאלט זיך אויסגעדרוקט אז מען זאל פרובירן מסדר צו זיין כאטש איינמאל א חודש עס זאל געמאלדן ווערן אין די ראדיא.

אשרינו שזכינו למלאות רצון קדשו!

נטרונא האט זוכה געווען מפרסם צו זיין די קלארע שטעלונג און ריינע דעת תורה מיט אויסגעמאסטענע ווערטער וואס אויף יעדן קוץ ותג איז מען געזיצן שבעה נקיים אז עס זאל האבן דעם ריכטיגן משמעות און קלארן באדייט און זאל נישט נעמען קיין שטעלונג אויף קיינע צדדים פונעם גויאישן פאליטיק, אז דער כלל ישראל האט נישט קיין שייכות און קענען נישט פארטרעטן ווערן מיט די אומפאראנטווארטליכע מעשים וואס די ציונים טוען.

עס איז כדאי צו ציטירן איינע פון די נטרונא מעסעדזשעס וועלכע זענען געמאלדן געווארן א לענגערע צייט אויף די ראדיא אין די צייט ווען עס האט געהערשט אן איבערקערניש ביים ריקצוג וואס די ציונים האבן געמאכט פון עזה פאס, ווי חרדישע אידן האבן פראפאגאנדירט זייער קעגנערשאפט דערצו, האט נטרונא דאן פארעפענטליכט עטליכע טאג אויף די ראדיא א מעלדונג וועלכע האט געלויטעט ווי פאלגענד:

דער מעסעדזש ווערט געברענגט צו אייך דורך "אמת'ע תורה'דיגע אידן", אן אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציע פון טויזנטער אידן וועלכע זענען טריי צו תורה און צו אידישקייט.

אין רעאקציע צו די קאנטראווערסיע ארום די איזראעלישע רעגירונג'ס ריקצוג פון עזה פאס, ווילן זיי קלאר מאכן דעם אמת'ן תורה'דיגן שטאנדפונקט וועגן דעם ענין.

זינט אידן זענען פארשיקט געווארן אין גלות דורך א הימלישע גזירה, איז פארבאטן געווארן פאר אידן צו האבן אן אייגענע מדינה. זיי זענען באפוילן געווארן צו ווארטן מיט געדולד אויפ'ן טאג פון אויסלייזונג, ווען ס'וועט זיין שלום צווישן אלע מענטשן אין אן אויסגעלייזטע און געהייליגטע וועלט.

געוויסע אידישע גרופעס קענען ברענגען פסוקים פון חומש צו שטיצן זייער טענה אז דאס לאנד ארץ ישראל מוז בלייבן גאנץ אונטער ציוניסטישע קאנטראל. דאס איז איינפאך פארפירערישע פראפאגאנדע, ווייל וויאזוי קענען זיי ברענגען פון חומש צו שטיצן אן אידעאלאגיע, וואס איר עצם מהות איז פארבאטן דורך די תורה?

די תורה באפעלט אידן צו זיין געטריייע בירגער פון די לענדער וואו זיי וואוינען. די ארגאניזאציע שטיצט שטארק די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטן אין שפיץ פון דעם געערטן פרעזידענט זשארזש בוש און זיין איבערגעגעבענע אדמיניסטראציע, און איז כסדר מתפלל פאר איר וואוילזיין און הצלחה.

"אמת'ע תורה'דיגע אידן" ווערט געשטיצט דורך פירנדע ארטאדאקסישע רבנים און נאנט צו הונדערט טויזנט ערליכע אידן. אויסצוגעפינען מער וועגן די תורה'דיגע מיינונג איבער'ן מיטל מזרח קריזיס קוקט ביי...

די מעלדונג און אנדערע מעלדונגען אין טאקע געווען אין די טייערסטע צייט וואָס ווערט אנגערופן "פריים טיים", ווען די ארבעטער פארן אהיים פון די ביזנעסער, און מען הערט ראדיא אין אלע קארס, זיצנדיג אין "ראש אוערס". אבער מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי ווייט דאס רודערט אויף יעדן איינעם, און די תוצאות זענען געווען למעלה מן המשוער דעם שטארקן פרסום וואס דאס האט געהאט.

די מעלדונג און אנדערע מעלדונגען אין טאקע געווען אין די טייערסטע צייט וואָס ווערט אנגערופן "פריים טיים", ווען די ארבעטער פארן אהיים פון די ביזנעסער, און מען הערט ראדיא אין אלע קארס, זיצנדיג אין "ראש אוערס". אבער מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי ווייט דאס רודערט אויף יעדן איינעם, און די תוצאות זענען געווען למעלה מן המשוער דעם שטארקן פרסום וואס דאס האט געהאט.




# מיד ליד

## • ביזנעס קארד •

דאס מאכט אייך שוין שמייכלען... איר וואונדערט זיך וואס דאס באדייט... פאוואליע! לאמיר אייך פארציילן אן אינטערסאנטער עפיזאד וואס האט פאסירט מיט א היימישן איד. נישט אזא מעשה ווען א איד טרעפט זיך אמאל אליין אין "גאז סטעישאן" מיט א ברוינהויטיגער מיט זיין שפיזיגע אויגן גרייט ..... און אזוי, מען האט ארויסגענומען אזא "נטרונא קארטל" האט ער זיך עס גלייך געטוישט לאיש אחר מאויב לאוהב.

אבער עס האט דערציילט א יונגערמאן וועלכע איז געזיצן אין טעקסי' מיט אזא דרייווער (וואס די געלע טעקסיס אין ניו יארק זענען פיל דערפון), **ווען ער האט אנגעפאנגען רעדן מיט מיט רציחה אז מען הרג'ט זיין פאלק. ווען דער יונגערמאן האט אים געוויזן זיין קארטל, האט זיך דער דרייווער געטוישט און זיך פארענטפערט זאגנדיג "איימ-סארי! די ביסט אויך פון די איינשטעדיגע אידן..." איך וועל דיך אפטראגען אהיים אן קיין געלט...**

עס איז אינטערסאנט צוצוגעבן וואס א איד האט דערציילט אז א גויאישער ביזנעס מאן האט געוואלט אפהאקן רילעישאנשיפ אין ביזנעס מיט אים צוליב זייער אנטיסעמיטיזים און ווייטאג אקעגן דעם ציוני'סטישן פירערשאפט, מיט בלויז ווייזן אזא קארטל האט מען געהערט די ווערטער:

I WILL GIVE YOU MORE BUSINESS.

דא מוז באטאנט ווערן אז ביי די לעצטיגע פראטעסטן האט מען פארטיילט טויזנטער טויזנטער אזעלכע קארטלעך, וועלכע האט פאקטיש דראסטיש געהויבן דעם "טרעפיק" אויפן "וועבסייט" מיט אומצאליגע שאלות.

אידן דערציילען אז ווען זיי טרעפען זיך מיט קאלעגעס, אפילו אידן, און יענע הייבן אן פרעגן קשיות צו וועלכע קרייז באלאנגסטו? וואס איז דיין אמת'ער שטעלונג וועגן ציונ'יזם מיט איזראעל? נישט יעדער קען ענטפערן און אַרגומענטירן, גיבן זיי דעם "קארטל", ווען מען ערקלערט: זיי וועלן דיר ענטפערן. דאָס קומענדיגע מאל הערט מען זייערע קאלעגעס, די אומוויסנדע אידן ווי להבדיל גויים צוגלייך, זאגן: איך מוז מודה זיין.. עפעס זאגען זיי...



# משם תצא

## • דער אפיס •

איבער אלעם איז די עבודת הקודש וואס ווערט אנגעפירט און פראקטיצירט אין דעם אפיס פון נטרונא, אן אפיס וועלכע ווירבלט כמעט 24 שעה אין א מעת לעת, אינערהאלב דעם אפיס זענען פאראן א עטליכע אידן וואס זענען פול טיים איינגעשטעלטע אינעם אפיס - וואס אגב איז דאס איינע פון די אומגעהויערע פאנטאסטישע הוצאות וואס קאסט פאר נטרונא – זיי טוען ערפילן די הייליגע ארבעט מן הבוקר עד הערב, עס איז א שווערע ארבעט וועלכע מען קען זיך נישט פארשטעלן, עס דארף געטוען ווערן מיט געוואלדיגע חכמה און פיקחות, און דערצו מיט גרויס סייעתא דשמיא- און טאקע דערפאר האלט זיך נטרונא אזוי שטארק צו די הייליגע יסודות וואס מיר האבן מקבל געווען און געזעהן ביי פריערדיגע צדיקי אמת ובראשם מרן רביה"ק זי"ע און רירן זיך נישט אוועק קיין זיז כל שהו פון אט די דרכים - כדי צו קענען האבן די ריכטיגע סייעתא דשמיא אין אט די אלע אונטערנעמונגען.

א שטאב מיט עסקנים און שרייבער, אויסגערופענע תלמידי חכמים ויראי ד' וואס זענען באהאוונט שטארק אינעם וועלט פאליטיק זענען פארנומען טאג טעגליך צו ענטפערן אויף די פילע אנפראגעס וועלכע עס ווערן אנטהאלטן דורך " עלעקטעראָנישע אימעיל" אדער דורכ'ן "פאקס", און אפילו הונדערטער בריוולעך וועלכע קומען נאך אויפן אמאליגער שטייגער: דער "פאסט" אד"ג. ווי פארשטענדליך דארף מען יעדע זאך שוקל זיין בכובד ראש, און וויסן וויאזוי צוריק צו שרייבן עובר ושב אדער בריוו דורך פאסט,

די שרייבערס זעלבסט באשטייען פון גאר חשוב'ע תלמיד חכמים ובעלי השקפה, וועלכע ווייסן וויאזוי צו סארטירן די ריכטיגע בריוון, פאליטישע בריוון אד"ג, און זענען מלומד אין דעם פעלד פון ערליכן תורה'דיגן מהלך איבער די פאליטיק, און פארשטייען וויאזוי צו איבערווייזן די זויפים פאר די וועלכע עס דערקענט זיך אז זיי זוכן דעם ריכטיגן אמת'דיגן וועג.

די פּארצווייגטע ארבעט איז פארבינדן אויף עטליכע פראנטן, אנגעהויבן מיט די אידישע קרייזן מיט וועלכע מען ברויך זיך אנגעבן מיט יעדן נפש מישראל באזונדער וואס פרעגט אן קושיות און וויל וויסן מערערע פרטים איבער די אמונה הטהורה והצרופה, און געענדיגט מיטן פרסום לעיני העמים וואס איז פון די האקעלע טעמעס אויף וועלכע מען ענטפערט בהשכל ובתבונה ובדעת, די חשובע שרייבער'ס שטייען אין כסדר'דיגן קאנטאקט מיט די חשובע רבנים הגאונים שליט"א תלמידיו המובהקים פון מרן רביה"ק זי"ע אשר אור תורתו נר לרגלינו ואור לנתיבותינו ווי מען שמועסט זיך אדורך על כל פסיעה ופסיעה.

> **א שטאב מיט עסקנים... און שרייבער, אויסגערופענע תלמידי חכמים ויראי ד' וואס זענען באהאוונט שטארק אינעם וועלט פאליטיק זענען פארנומען טאג טעגליך צו ענטפערן אויף די פילע אנפראגעס וועלכע עס ווערן אנטהאלטן דורך "עלעקטראָנישע אימעיל" אדער דורכ'ן "פאקס", און אפילו הונדערטער בריוולעך וועלכע קומען נאך אויפן אמאליגער שטייגער: דער "פאסט" אד"ג...**

די ארבעטער ברויכן זיך אפגעבן מיט די ספעציעלע פראיעקטן וועלכע ווערן אונטערגענומען מזמן לזמן, ווי בעפאר דעמאנסטראציעס, אדער אריינצולייגן אנאנסן אין די צייטונגען וכדו' וואס דאס זעלבסט פארלאנגט הונדערטער און טויזנטער שעה'ן צייט און כח ביז מען איז דאס מסדר און מען שטעלט אהער א רעכטפארטיגן נוסח וואס זאל זיין ראוי והגון מיט די גוטסהייסונג פון די חשובע רבנים שליט"א.

אין די אָפּיסעס פון נטרונא קומען אויך אַריין רעגלמעסיגע טעלעפאָן רופן פון אזעלכע אידן וואָס זוכן צו הערן און לערנען צו וויסן די ריכטיגע דעת תורה, פון וואָס זיי האָבן ביז היינט נישט געוואוסט. ווי עס פארציילן די **עסקנים ווענדן זיך אויך אַהין אידן וועלכע האָבן געקלערט פון "עולה" זיין קיין "איזראעל", אָבער נאָכן איבערשמועסן מיט די ספעציעלע מענטשן דערויף טוישן זיי זייערע פלענער**. און אפילו צווישן די וואָס ווערן נישט גענצליך איבערצייגט פאַרקערט, באַשליסן אויך אַז שב ואל תעשה, ווייל הערנדיג דעם אַנדערן צד ווערט עטוואס אפגעקילט זייער התלהבות און זיי לאָזן זיך אָפּ פון די שווערע אונטערנעמונג זיך אַריבערצוציען אין אַ ניי לאַנד, ווען שפעטער הערט מען אויך פון די "יא נטרונא איז גערעכט"... און מיינסטנס מאל נעמען זיי זיך דורכלערנען דעם "ויואל משה" וועלכע "נטרונא" שיקט זיי אהיים.

## תמהין ושיילין להו בעסק אתותא

גאר א וויכטיגע אויפטו איז דאס וואס איז צוגעשטעלט פאר די רבבות ענגליש-רעדענדע שומרי תורה ומצוות א ספעציעלן פלאץ וואו די אלע אומוויסענדע אידן קענען אריינשיקן אלעס וואס עס קוועטשט זיי בנוגע די אמת'דיגע דעת תורה בענין הציונות והמסתעף. די אפטיילונג ווערט

אנגערופן "עסק די ראביי", און עס ווערט אנגעפירט דורך א שטאב עקספערטען מהם עקספערטען בהשתלשלות הציונית וקורות הדורות, ומהם תלמידי חכמים וואס וויסען בקיאים בלשון העמים, און מיט א זעלטן פליסיגן פעדער און איינגענעמען שפראך, און גאר שטארק אויסגעקאכט אין אלע ספרי רבינו און אלע בירורים מכתבים און מאמרים פון די צדיקי הדורות אין קאמף קעגן טומאת הציונות, וואס ער שטייט גרייט צו ענטפערן פאר אלע סארטן שאלות וואס ווערן אנגעפרעגט אין די ענינים, און ביי דעם אפטיילונג אליינ'ס האט שוין נטרונא זוכה געווען צו באלייכטן די אויגן פאר פילע טויזענטער אידן צמאים לדבר ה'.

## כנגד ארבעה בנים

ס'דארף דא באמערקט ווערן, אז די עבודת הקודש איז גארנישט קיין פשוט'ע ארבעט אפילו פאר אזעלכע וואס זענען קלאר און בקי אין די גאנצע סוגיא פון דעם מלחמה לה' בעמלק פון די לעצטע איבער 110 יאר, וויל די שואלים זענען נישט אלע איינ־ג מיט זייער וויסענשאפט און מיט זייערע צילן. ווי צום ביישפיל ס'זענען דא פארשידענע אנפרעגערס וואס זענען בגדר "שאינו יודע לשאול" זיי האבן נישט קיין ספעציעלע שטארקע קשיות אבער זיי קענען זיך פארט נישט ספראווען מיט דעם געדאנק אז זיי האבן אלע יארן געלעבט אין אזא פינסטערן טעות, און מ'דארף זיי פשוט העלפן זיך באפרייען פון זייערע טיפע איינגעווארצעלטע סימפאטיע געפילן צו "איזראעיל" מיט וואס זיי האבן שטענדיג זיך געטשאטשקעט.

ווידער זענען דא אזעלכע וואס קומען מיט א תמימות און פרעגן פון די אלע מאמרים וואס ווערן געברענגט בשבח ארץ ישראל און פון די פארשידענע מסולף'דיגע מאמרים פון די ווערטער פון די ראשונים און אחרונים וואס מען האט זיי אלע יארן אריינגעפיטערט אין מויל אריין. ולאידך גיסא מאכט זיך אויך אזעלכע אנפרעגערס וואס זענען גאר שטארק באהאווענט אין אלע פארקרומטע השקפות און זייערע יסודות, און אלע עקמומית'דיגע תירוצים וואס זענען במשך די יארן געשריבן געווארן דורך די גרעסטע "חכמים להרע" אפצוענטפערן אויף די ראיות ברורות וואס מרן רבינו הק' זי"ע שרייבט אין דעם ספה"ק "ויואל משה", לערנענדיג אין אזעלכע ישיבות וואס מ'האט כסדר געקארמעט אין זיי דעם גילוי פנים בתורה שלא כהלכה, און פאר די אלע דארף מען קענען ענטפערן מיט גאר א רייכע עיון וידיעת התורה און שטאפלווייז אויפווייזן די גרויסע טעותים וואס פון די אלע פאלשע הוכחות און דחיות.

ווידעראום זענען דא היבש אביסל וואס קומען נאר פרעגן לקנתר מיט א געמאכטע תמימות און באהאלטענע שנאה און זיי זענען קאמפסגרייט און זיי לייגן נישט אזוי שנעל אראפ זייער געווער, און נאר מיט א געניטן אויג קען מען באמערקן זייער ציל, פאר די אלע איז דא ספעציעלע מהלכים וויאזוי מען באפאסט זיך מיט זיי אפצוענפערן מנה אחת אפיים, און נישט איינמאל און נישט בלויז צוואנציג מאל ווערן זיי אפגעענטפערט מיט אזא תשובה נצחית אז מלאך רע בעל כרחו יענה אמן, געלויבט השי"ת אז אפילו דארט האט מען זוכה געווען צו א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, טייל פון זיי זענען חוזר מסורם און זיי ווערן אינגאנצן נתהפך לטובה, און זיי זענען גאר היינט צוטאגס פון די גרעסטע פאטריאטן פון אונזער ארגאניזאציע.

# אתון מהתם ואנן מהכא

## די ארבעט אין ארץ ישראל

די פארצווייגטע ארבעט גייט אן ביז אין ארצינו הקדושה, וועלכע געפינט זיך תחת שלטון הכופר, דארט האלט נטרונא אויף אן אפיס מיט א באזונדערן עסקן וואס זאל שטיין צו די האנט פאר נטרונא, וואס איז זייער וויכטיג כדי צו קענען האבן די אינפארמאציע ביי יעדע מערכה אינעם יהדות החרדית, עס זאל אויפגעכאפט ווערן בילדער און פילם'ס פון די געראנגלענישן און מלחמות אש דת וואס די בני ציון היקרים זענען מקיים דעם פסוק גוום נתנו למכים ולחייהם למורטים, אט די שוידערליכע בילדער האט גאר א שטארקע השפעה איבער די וועלט און טוט הייבן דעם קול מחאה און שטארקן דרוק אויפן מלכות המינות אז זיי זאלן אראפנעמען זייערע רוצחישע נעגל און אכזריות'דיגע נאגייקעס פון די ערליכע אידן בארצינו הק'.

## והיתה זאת שכרינו... שלשת אלפים אשר לא כרעו

עס לאזט זיך נישט גלייבן אבער אזא אומגעלויבליכער צאל פרעמדע אידן פון איבער גאנץ אמעריקע וואס באטרעפן דריי טויזענט פיר הונדערט מיטגלידער זענען אנגעשלאסן אלס מעמבער'ס אין נטרונא, דאס זענען פרעמדע אידן וואס זענען פשוט געעפנט געווארן די אויגן א דאנק נטרונא, זיי ערווארטן און באקומען כסדר די מאטריאל פון נטרונא, און שלונגען מיט דורשט די ווערטער, א טייל דערפון זענען אזוי שטארק אויסגעקאכט געווארן אין די ענינים עד כדי כך אז זיי זענען טופח ע"מ להטפיח, געטרייע נטרונא אגענטען און ווען זיי ערהאלטן די ארטיקלען, מאמרים, גליונות, מאכן זיי דערפון הונדערטער קאפיעס און פארשפרייטען דאס אין זייערע געגנטער במקומותם למשבותם.

**...א טייל דערפון זענען אזוי שטארק אויסגעקאכט געווארן אין די ענינים עד כדי כך אז זיי זענען טופח ע"מ להטפיח, געטרייע נטרונא אגענטען און ווען זיי ערהאלטן די ארטיקלען, מאמרים, גליונות, מאכן זיי דערפון הונדערטער קאפיעס און פארשפרייטען דאס אין זייערע געגנטער במקומותם למשבותם...**

# תוצאות מבורכות

## צווחין ככלבין...

וויאזוי זאגט די וועלט? אז דאס הינטל בילט איז א סימן אז דאס שטיינדל האט געטראפן..

אין די זעלבע צייט וואס נטרונא רעקלאמעס, עפענען די אויגן פון צענדליגער טויזנטער מענטשן איבער די גאנצע וועלט זיך צו דערוויסן דעם אמת, אז דאס תורה טרייע אידנעטום האט נישט דאס מינדעסטע שייכות מיט ציוניזן, און מיט זייער בארבארישע מעשים תעתועים און אגרעסיווע מרידה באומות פאליטיק.

אין די זעלבע צייט וואס אומצאליגע תינוקות שנשבו זענען אויפגעעפנט געווארן די אויגן, און זענען אויסגעניכטערט געווארן פונעם שיכרות און פאלשע אינפארמאציע מיט וואס זיי זענען געפיטערט געווארן די אלע יארן, נאכן דערהערן דעם ריכטיגן תורה'דיגן שטעלונג פון ערליכע אידן.

אין די זעלבע צייט ווען עס שטראמען אריין טויזנטער בריוו און מעסעדזשעס פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע שטרייכן אונטער אומצווייידייטיג אז זיי האבן געטוישט זייערע אנטיסעמיטישע געפילן צום אידישן פאלק, נאכדעם וואס זיי האבן זיך דערוואוסט דורך די נטרונא רעקלאמעס, אז ציוניזם רעפרעזענטירט נישט דאס תורה טרייע אידענטום.

אין די זעלבע צייט הויקען די הונט אויף די העכסטע טענער... און צווישן די פילע פאזיטיווע בריוו וואס קומען אן צו נטרונא פעלן נישט קיין מעסעדזשעס אויף אן אנדערן נוסח:

ציילט די טעג ראבײ... מיר וועלן זיין ביי דיין טיר...!

## זיי סטראשען מיט איגנארירן

עס איז אינטערסאנט צו ציטירן וואס איז געווען געמאלדן אין די איזארעלישער פרייע פרעסע נאכן עד וואס מען האט אריינגעלייגט אין וואשינגטאן טיימס ווי זיי שרייבן צווישן די ווערטער אז:

**הקהלה החרדית בארה"ב החליטה שלא להגיב בכדי שלא לתת לכתבה פרסומת גדולה מזו שכבר קיבלה.**

**די חרדישע קהלה אין אמעריקע האט באשלאסן צו איגנארירן דעם ארטיקל כדי נישט צו געבן מער פובליסטי פארן ארטיקל וויפיל עס האט שוין אזוי אויך באקומען.**

און וואס ברויך מען מער דערפון!

# אין לנו אלא דברי בן עמרם

## דרך המלך נלך – לא נטה ימין ושמאל

ווי מיר האבן שוין ערווענט אומצאליגע מאל איז וויכטיג נאכאמאל צו באטאנען אז "נטרונא" האלט זיך אויפן דרך המלך - מאן מלכי רבנן, יעדער שריט איז אויסגערעכנט מיט ישוב הדעת און ווערט באטראכט וואס עס איז געווען דער דעת תורה פון מרן רבינו הק' זי"ע, וואס וואלט דער רבי געזאגט צו אט אזא פעולה, וואס זענען די הוראות פון רבי'ן דערוועגן, אין א פינסטערן ארימען דור ווען מיר האבן שוין נישט קיין צדיקי אמת וואס זאלן אונז באלייכטן די אויגן, זענען מיר נישט בכח צו קענען אליין ערפינדן נייע מהלכים און דרכים חדשים אשר לא שערום אבותינו, מיר האבן נאר איין עצה, זיך צו האלטן אין זייערע פיס טריט ומיני לא נזוע ימין ושמאל.

נטרונא האלט זיך שטרענג נישט אריינצומישן אין קיין שום פאליטישע צדדים אינעם מיטל מזרח קאנפליקט, א זאך וואס ברענגט נישט גוטע קאנסעקווענצן און גיבט א נישט ריכטיגן איינדרוק אויפן גוי, עס ווערט בהאלנדלט בלויז א ריין תורה'דיגער שטעלונג פונעם תורה טרייען אידנטום און נעמען די מידענסט מיינונג איבער די פארשידענע קאנפליקטן פון אלה בנצחנימו ואלה ברצחנימו ווי רביה"ק זי"ע דרוקט זיך אויס בספה"ק על הגאולה ועל התמורה, און א דאנק דעם, האט נטרונא ב"ה זוכה געווען אנצוקומען אזוי ווייט, אז עס זאל דערהערט ווערן דער קלארער שטעלונג פון ערליכע אידן, און שאפן א נייעם בילד ביי די גוי'אישע וועלט, אז די שטילע מערהייט פון אידישע קינדער זענען נישט קיין שותפים און האבן נישט קיין חלק אין דעם מלכות המינות ומרידה באומות, פארקערט זיי שטרעבן צו לעבן בשלו' ובשלוה מיט די גרעסטע הכנעה איש על מחנהו ואיש על דגלו, יעדער אונטער זיין הערשאפט און רעגירונג ווי ער געפינט זיך עד שיעלה רצון מאת הבורא יתב"ש ויתעלה בביאת הגואל.

• העתק מספה"ק על הגאולה ועל התמורה (עמוד כ"א) •

**...אין לשער גודל הצער העצום אשר בלבות המשתוקקים לגאולה שלימה בראותם עיכוב הגאולה כי נורא הוא...**

# הצטרף

## צום שלוס

רבותי! עס שטעלט זיך די פראגע, האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה, ווי איז אונזער חלק אין די מלחמת ד' בעמלק, פאר אונז איז אויסגעפאלן דער גרינגער טייל פון די מערכה כאטש צוצוהעלפן בממון און ווערן א שותף אין די הייליגע פעולות.

## מעמבער'ס – רצון צדיק רביה"ק זי"ע

בכלליות פעלט זיך אויס כדי צו שטארקן דעם אנזען און כאראקטער פון די ארגאניזאציע פעלט זיך אויס די מאראלישע און פינאנציעלע שטיצע פונעם יהדות החרדית, וויאזוי קען דאס עקזיסטירן, אפילו דאס האט שוין רביה"ק זי"ע כובש געווען את הדרך לנו ולבנינו, לאמיר זיך קאנצעטרירן אויף זיינע הייליגע דיבורים וואס דער רבי' האט געזאגט בשנת תשי"ז ווען ער האט געוואלט גרינדן די ארגאניזאציע ( א התעק וואס עס האט דאן פארצייכנט בשעתו הרה"ח ר' סענדער דייטש ע"ה).

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו. והחשבון הוא פשוט. כי מכל בית המדרש אפשר לרשום כמה אנשים, עד שיתקבצו לערך אלף איש. וזה יהיה כח גדול בע"ה. - הן ראיתי בדברי הימים של כתבי הציונים, שמתחילה לא היה להם להציונים כי אם לערך 2000 חברים! -**

**ובלעדי זאת, אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם?.. וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה. ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצות הברית.**

**שנית. לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר. ובלעדי מעות איש אפשר לעשות כלום. ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים וכדומה, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..**

## חבר אני לכל אשר יראוך

די הייליגע דיבורים זענען די והותר פאר יעדן ערליכן איד אשר עודו רד עם קל ואת קדושיו היא נאמן, אז ער זאל שפירן און באגרייפן דעם הייליגן חוב וואס ליגט אויף זיך אנצושליסן תיכף ומיד אין די ארגאניזאציע, צו זיין דערמיט א שותף בגוף ובממון אין די הייליגע מלחמת ד' בעמלק, און דערמיט מקיים זיין דעם פסוק חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך צו די טרייע שומרי הגחלת ישראל שלא תכוה, אידן ווילן זיכער נישט זיין פון די וואס נמנו חבריו לדברי מצוה והיא לא נמנה עמהם וואס איז א חסרון לא יוכל להמנות.

## והימים האלו נזכרים ונעשים

אויב האט רביה"ק בשעתו געברויכט האבן $10,000 דאלער א יאר פאר די הייליגע פעולות, וואס דערמיט וואלט מען געקענט אויפטוען גדולות ונצורות ווי רביה"ק זי"ע אפעלירט ביי די אסיפה, איז דאך היינט מיט אריבער פופציג יאר שפעטער ווען היוקר יאמיר אויף א געוואלדיגן פארנעם, איז אט די אמאליגע צען טויזנט ווערט היינט לכה"פ עטליכע הונדערט טויזנט דאלער בלי גוזמא (דעמאלט האט מען נאך באצאלט 150 - 100 דאלער רענט א חודש) אבער דאך כדי צו געבן די געלעגנהייט פארן ברייטן ציבור וואס זענען נישט ביכולת צו קענען ווערן א מעמבער פאר די מינימאלע סומע פון $10 א חודש וואס באטרעפט 120 א יאר, און די בעלי היכולת וואס ווערן געבעטן צו ביישטייערן מיט $360 דאלער א יאר וואס קען ווערן צוטיילט אין די סומע פון $30 א חודש.

## הצטרף!

טייערער ברודער, אט האלטן מיר שוין אין די לעצטע מינוטן פאר די גאולה שלימה! הנה זה עומד אחר כתלינו! ווער איז דער גרעסטער מעכב דערצו, דער מלכות המינות בארצינו הק', לאמיר זיך דערמאנען אין די הייליגע דיבורים וואס רביה"ק פלעגט זאגן אז ווען משיח וועט קומען וועט ער אנטייטלען מיט די פינגער אויף די וואס האבן צוגעהאלפן צו זיין קומען, ווי גרויס וועט זיין די בושה אויף די וואס ער וועט ווייזן אז זיי האבן גאר געהאט א חלק אפצוהאלטן ישועת כל ישראל ושמחתן, די הייליגע חז"ל זאגן כל מי שאינו מוחה ביד עוברי עבירה נתפס באותו עון, מיר זענען אבער זייער שוואך און ארעם אין דעם פינסטערן דור, **מיר קענען כמעט גארנישט טוען, איין קליינער פונק איז געבליבן, מעט מן האור הדוחה הרבה מן החושך, לאמיר אויפלאקערן דעם לעצט פארבליבענעם פונק וואס טליעט נאך אין אונזערע הערצער, דער אש קודש וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אנגעצינדן אין אונז, מיר הערן ליידער נישט** – שוין פערציג יאר - די הייליגע שובבים תורה'ס, אבער די דיבורים זענען נאך דא, עס איז קיימא וקאי', טוט דעם ריכטיגן שריט לקיים אחזתיו ולא ארפנו, און שליסט אייך אן אלס מעמבער אין נטרונא.

## המתקת הדינים

דער גרויסער זכות פון איר הייליגן מייסד מרן רביה"ק זי"ע וועט זיכער ביישטיין פאר די אלע שותפים לדבר מצוה מען זאל שוין זוכה זיין צו מחיית עמלק בשלימות במהרה בימינו, די גרעסטע המתקת הדינים און התעוררות רחמים קען מען טוען ווען מען איז מסיר דעם חרון אף הגדול וואס פלאמט באשמת הציונים.

עס איז באקאנט אז ווען געוויסע פרעמדע רבנים האבן פארפירט פארוואס דער רבי' האט פאררופן א דעמאנסטראציע אין עשרת ימי תשובה און דערמיט איז ער מקטרג אויף אידן, האט דער רבי' געזאגט אז אדרבא דער גרעסטער לימוד זכות אויפן כלל ישראל איז אז מען זעט בשמי מעל אז ערליכע אידן שווייגן נישט, מען בלוטיגט און מען ווייטאגט אויף דעם שרעקליכן עלבון התורה וועלבון כבוד שמים וצער השכינה, בזכות זה וועלן אלע אידן געבענטשט ווערן מיט כל מיני ברכות וישועות, מיר זאלן שוין בקרוב דערלעבן כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ מתוך רחמים וחסדים גמורים בלי שום נזק לבנ"י ונזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתן בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

**הנהלת נטרונא**

# חָבֵר אָנִי לְכָל אֲשֶׁר יְרֵאוּךָ

כפקודת ורצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע רופן מיר צו אלפי שלומי אמוני ישראל
זיך אנצושליסן אלס מעמבער'ס אין די הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא"

און דערמיט שטעלן א פעסטן מאראלישן און פינאנציעלן יסוד חזק
פארן קיום פון די הייליגע מלחמה ד' בעמלק דבר השוה לכל נפש

## דמי חבר לשנה

**$360 לשנה**

לבעלי היכולת
($30 לחודש)

**$120 לשנה**

לאברכי הכולל
($10 לחודש)

וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים

True Torah Jews
183 Wilson Street, suite 162
Brooklyn NY 11211













